בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קנ"ג

**יו"ל: י"א אלול ה'תשפ"ה לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**'ליצנות אחת דוחה'**

**'וְאִמְרוּ בָּרוּךְ - לְשֻׁלְחָנִי הֶעָרוּךְ'**

**א ל"ו'ניק דארף נישט זיין קיין שוסטער...**

**'דו גלייכסט זיך צו מיר?'**

**רייך ווי קורח**

**דיין זאך איז ציצית**

**א ריכטיגער 'שׂורר בביתו'**

**ואע"פ שיתמהמה...**

**כל הרהורי התשובה נלקחים ממנו**

**נאר מיט התחזקות**

**נישט געלאזט ארויסווארפן**

**'ואנכי אפדם'**

**'פארוואס האט מען דאס נישט געדרוקט?!'**

**קיינמאל פאר זיי קיין תורה נישט געזאגט**

**געווארפן א פלאש אויף דער מיטה**

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפ ולהדפיסם, וכמו
כן כדי לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של 30$ יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה''ק: 02.560.7387**
**ארה''ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור**
**המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #153**

בס"ד

# שיחת חיזוק

**פרשת קורח שנת תשל"ה**

## 'ליצנות אחת דוחה'

"דער ס"מ האט זיך אַן עצה געגעבן, ער האט מיט זיך געבראכט אַן אלטיטשקן און ער האט געלאכט"[א].

דער ס"מ האט געלאכט - צו דער אלטיטשקער האט געלאכט? ביי אונזערע לייט איז דא צוויי דיעות ווער עס האט געלאכט; איין דיעה איז אז דער ס"מ האט געלאכט. אנדערע זאגן אז דער אלטיטשקער האט געלאכט.

פלעגן אונזערע לייט אזוי זאגן, אט דאס איז געוועזן די עצה זיינע, אז מען זאל זיך אויסלאכן, מאכן א געלעכטער; "איי... דאס איז 'משוגעים', נישט קיין 'מענטשן'"... דאס איז די עצה זיינע, נאר אויסלאכן און שוין, אויסלאכן דער זאך.

"איך האב מיך שוין אַן עצה געגעבן; די נשמה מעג שוין אראפגיין אויף דער וועלט".

אבער ביי אונז דארף זיין דעם רבי'נס זאך זייער זייער טייער.

דער רבי האט דאך זייער פיינט געהאט ווערטלעך. דער רבי האט געזאגט אז א ווערטל קען מען נאר זאגן אז עס האט אין זיך דריי תנאים: די ערשטע זאך, "איך זאל נישט קיין הנאה האבן דערפון; און איך זאל נישט מיינען יענעם צו טרעפן; און עס זאל נישט זיין קיין 'ניבול פה' - (וסיים רבינו:) און היינט זאגט ווערטלעך!".

---

[א] לשון רביז"ל בסיפורי מעשיות מעשה ז' 'מזבוב ועכביש' בעת שרצו להוריד נשמתו של הצדיק בעולם.

נישט קיין הנאה האבן דערפון, און נישט מיינען יענעם צו טרעפן, און עס זאל נישט זיין קיין 'ניבול פה' - היינט זאגט ווערטלעך. דאס הייסט, אויב עס האט די דריי תנאים - זאגט ווערטלעך (כלומר, שזה כמעט אינו בנמצא).

עס ווערט געבראכט, א מדרש איז דא, דער אויבערשטער האט נישט געוואלט פירן די אידן דורך פלשתים, ווייל די פלשתים זענען געווען לצים, מיט ליצנות וואלטן זיי אינגאנצן צעננישט געמאכט 'יציאת־מצרים' מיט די 'מופתים'. "וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים", ווייל זיי זענען געווען לצים, און מיט ליצנות וועלן זיי אויסלאכן אינגאנצן און אפמאכן דעם יציאת־מצרים מיט אלע נסים. ממילא זאלן זיי נישט דורכגיין דורך פלשתים[ב].

דאס ענין פון ליצנות - דער אויבערשטער זאל אפהיטן - מען קען זיצן און רעדן א שמועס און עס קומט איין ווארט ליצנות - צעווארפט מען דאס אינגאנצן[ג].

❖ ❖ ❖

## 'וְאִמְרוּ בָּרוּךְ - לְשֻׁלְחָנִי הֶעָרוּךְ'

**(לומד ליקוטי מוהר"ן תורה מ"ז) תורה מ"ז. זאגט דער רבי: "מי שהוא משוקע בתאוות אכילה בידוע אז ער איז ווייט פון אמת, ובידוע שדינים שורין עליו. גם זה סימן על דלות. גם יבוא לידי בזיונות ובושות, כמו שכתוב (תהלים יב), 'כְּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם';**

---

[ב] עיין ספר תפילה למשה עה"ת פר' ויצא: **שמעתי ממורי ורבי איש אלקים קדוש מוהר"ר מנחם מענדיל מרימנאב נבג"מ** שאמר על **'ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים'**, שאמרו רז"ל (עבודה זרה יט) על "ובמושב לצים לא ישב" זה פלשתים שפלשתים ליצנים היו. ואמר, **אילו היה יודע פרעה שעם ליצנות יכולין להכחיש כל העולם, לא היו ישראל יוצאים מתחת ידו לעולם חס ושלום.** ובפעם שנית אמר והראה באצבעו דרך חלון, ואמר בזה הלשון, רואים אתם שזה שמים, ועם ליצנות יכולין להכחיש שזה אינו שמים, ע"כ. [עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ג: וְלוּלֵי שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מַשְׁלִיכִין מֵעַצְמָן הַחָכְמוֹת, לֹא הָיוּ מְקַבְּלִים הַתּוֹרָה. כִּי הָיוּ יְכוֹלִים לְכַפֵּר בַּכֹּל, חַס וְשָׁלוֹם, **וְלֹא הָיָה מוֹעִיל לָהֶם כָּל מַה שֶּׁעָשָׂה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עִמָּהֶם. וַאֲפִלּוּ כָּל הָאוֹתוֹת וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁעָשָׂה לְעֵינֵיהֶם, לֹא הָיָה מוֹעִיל לָהֶם**].

[ג] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' ויקרא שנת ת"ר: **אֵין שׁוּם חִדּוּשׁ בָּעוֹלָם אֲפִלּוּ אִם יִהְיֶה אֱמֶת וְעָמֹק וְנִשְׂגָּב מְאֹד וּמְחַיֶּה הַכֹּל, שֶׁלֹּא יוּכְלוּ לְהַפְּכוֹ לְלֵיצָנוּת. וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל כֹּחַ הַבְּחִירָה וְכוּ'.** עיין גם במסילת ישרים פרק ה' מה שמבאר שם בענין 'שליצנות אחת דוחה מאה תוכחות', עיי"ש.

וויבאלד אז 'דלות', איז ער 'נצרך לבריות' - וועט ער קומען צו בזיונות, "כיון שנצרך אדם לבריות נשתנה פניו ככרום" (ברכות ו:).

"ודע, מי שמשבר תאות אכילה" - דער וואס ער צוברעכט תאוות אכילה - זאגט דער רבי - "הקדוש ברוך הוא עושה על־ידו מופתים. כי אמרו חז"ל (ברכות כ:), כתיב (דברים י) 'אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים'" - דער אויבערשטער איז נישט 'נושא פנים', "וכתיב (במדבר ו) 'יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ'" - אין ברכת כהנים. "אמר הקב"ה, איך לא אשא להם פנים? אני אמרתי 'וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ'" - ווען מען איז זאַט דעמאלט זאל מען בענטשן, "והם מדקדקין על עצמן בכזית ובכביצה", איז דערפאר דער אויבערשטער זיי 'נושא-פנים'. "נמצא, שנשיאות פנים הוא על־ידי שיבור תאוות אכילה". 'נשיאות פנים' הייסט אז ער איז נישט ווערד אבער איך בין אים 'נושא-פנים'.

דער מדרש פון נשא זאגט אזוי[ד]: אז זיי זענען מיר 'נושא פנים', בין איך זיי אויך 'נושא פנים'. אויב אפילו זיי זענען נאך נישט זאט - בענטשן זיי אויך, זענען זיי מיר 'נושא פנים', בין איך זיי אויך 'נושא פנים'.

"וזה פירוש (דברים לא), 'וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי וְהָיָה לֶאֱכֹל'". 'הסתרתי פני' איז דער היפך פון 'נשיאות פנים'. פארוואס איז דא 'הסתרת פנים'? 'והיה לאכול' - צוליב די אכילה. "פירוש, על־ידי תאוות אכילה הוא מסתיר פנים" - דורך תאוות אכילה איז דער אויבערשטער מסתיר פנים, אבער דורך 'שיבור תאוות אכילה' איז דער אויבערשטער 'נושא פנים'.

דער רבי האט דאך געזאגט[ה], אַן איש-כשר איז אַן ענין אחר לגמרי; דער עסט און דער עסט - אבער עס איז אַן ענין אחר לגמרי.

---

[ד] עה"פ 'ישא ה' פניו' וכו', וזל"ש: כָּתוּב אֶחָד אוֹמֵר: יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ, וְכָתוּב אֶחָד אוֹמֵר (דברים י, יז): אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים, כֵּיצַד נִתְקַיְּמוּ שְׁנֵי כְתוּבִים הַלָּלוּ, כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹן הַמָּקוֹם: יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ, וּכְשֶׁאֵין עוֹשִׂין רְצוֹן הַמָּקוֹם: אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים. דָּבָר אַחֵר, יִשָּׂא ה' פָּנָיו, וְכִי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹשֵׂא פָנִים וַהֲלֹא כְּבָר נֶאֱמַר: אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא **כְּשֵׁם שֶׁהֵם נוֹשְׂאִים לִי פָּנִים, כָּךְ אֲנִי נוֹשֵׂא לָהֶם פָּנִים**, כֵּיצַד כָּתַבְתִּי בְּתוֹרָתִי (דברים ח, י): וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ, **וְאָדָם מִיִּשְׂרָאֵל יוֹשֵׁב הוּא וּבָנָיו וּבְנֵי בֵיתוֹ וְאֵין לִפְנֵיהֶם כְּדֵי שְׂבִיעָה וְנוֹשְׂאִים לִי פָּנִים** וּמְבָרְכִין, וְדִקְדְּקוּ עַל עַצְמָן עַד כַּזַּיִת עַד כַּבֵּיצָה, לְפִיכָךְ: יִשָּׂא ה' פָּנָיו וגו'.

[ה] שיחות הר"ן אות י"ד.

מען עסט 'צוזאמען', און דער 'אייגענער' מאכל, און ביי דעם איז עס 'תאות אכילה', און ביי דעם איז עס 'שיבור תאוות אכילה'.

(רלוי"צ עונה לשואל:) עס גייט נישט מיט 'ווינציגער' אדער 'אסאך'; אז ער האט ווינציגער - עסט ער ווינציגער, און אז ער האט מער - עסט ער מערער. דער ענין פון 'תאות אכילה' איז אזוי ווי אנדערע תאוות; אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן מיט א קדושה, איז עס נישט קיין תאוה, אז נישט איז עס יא א תאוה. עס איז נישט שייך צו זאגן ער וועט עסן ווינציגער, ער וועט עסן מערער[ו].

איך האב געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס: ר' נחמן טולטשינער האט געגעסן מערער - און ער איז געווען א איד א צדיק א קדוש! דאס עסן מער און דאס עסן ווינציגער איז נישט פשט אז ער עסט מער מיט תאות אכילה. געוועגטליך, דער רבי זאגט טאקע "מכזית ועד כביצה", אבער עס איז געווען צדיקים וואס האבן געגעסן מערער[ז].

דער רבי האט אזוי געזאגט[ח]: "מען זאל עסן אזוי ווי עס זיצט א גדול ביים טיש". אז עס זיצט א גדול ביים טיש, עסט מען דאך מיט מערער (דרך ארץ).

---

[ו] עיין שיחות הר"ן אות נ"א: וּכְנֶגֶד הַתַּאֲווֹת הַמַּטְרִידִים אֶת הָאָדָם. **בֶּאֱמֶת אֵין נִמְצָא שׁוּם תַּאֲוָה כְּלָל.** כִּי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה הוּא הֶכְרֵחַ לְקִיּוּם הַגּוּף, וְגַם בָּנִים מֻכְרָחִים לְהוֹלִיד, וְכָל זֶה הָאָדָם מֻכְרָח וְאִם־כֵּן אֵין שׁוּם תַּאֲוָה כְּלָל **רַק שֶׁצְּרִיכִים לְהִתְנַהֵג בָּהֶם בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה.**

[ז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ט"ו: יֵשׁ צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים גְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה ... **וְהֵם בֶּאֱמֶת יְכוֹלִים לַעֲבֹד ה' בְּכָל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם: בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּשְׁאָר דְּבָרִים.** וְכַמּוּבָא בַּכַּוָּנוֹת, 'שֶׁלִּפְעָמִים מַמְתִּיקִין דִּינִים עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה'. וְיֵשׁ צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, שֶׁיְּכוֹלִין לַעֲשׂוֹת פִּדְיוֹן עַל יְדֵי אֲכִילָתָם וְכַיּוֹצֵא; גם עיין ליקוטי הלכות הל' דגים ה"ד אות ג': וְכֵן מַה שֶּׁמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה מִכַּמָּה תַּנָּאִים שֶׁאָכְלוּ הַרְבֵּה וְהָיָה כְּרֵסָם רְחָבָה, כְּמוֹ שֶׁמּוּבָא בַּמִּדְרָשׁ מֵרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שִׁמְעוֹן וְכוּ'. **וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל לְהוֹדִיעַ לָנוּ מַעֲלַת הַצַּדִּיקִים שֶׁקִּדְּשׁוּ וְזִכְּכוּ עַצְמָן כָּל כָּךְ עַד שֶׁעָבְדוּ ה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי כָּל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם; עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְכוּ'** וְכָל שִׂיחָתָם הָיָה קֹדֶשׁ וְכֻלָּם הָיָה בָּהֶם רָזִין נִפְלָאִים, כִּי אָנוּ צְרִיכִין לְהַאֲמִין שֶׁכָּל דִּבּוּרֵיהֶם וּמַעֲשֵׂיהֶם אֵינוֹ פָּשׁוּט, אֶלָּא יֵשׁ בָּהֶם רָזִין, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר (בְּסִימָן מב); גם עיין חיי מוהר"ן אות נ"ב בסיפור שהיה אצל הבעש"ט עם בעל דרשן אחד שהיה צדיק גנוז וכו'.

[ח] חיי מוהר"ן תקט"ו: הִזְהִיר שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל בְּהַלְעָטָה הַיְנוּ בִּמְהִירוּת כְּדֶרֶךְ גַּרְגְּרָן, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית כ"ה), **"הַלְעִיטֵנִי נָא", רַק לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ לֶאֱכֹל בְּמְתִינוּת בְּיִשּׁוּב הַדַּעַת וּבְדֶרֶךְ אֶרֶץ כְּדֶרֶךְ שֶׁאוֹכְלִין בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ כְּשֶׁיּוֹשֵׁב אָדָם חָשׁוּב עַל הַשֻּׁלְחָן, כָּךְ יֹאכַל תָּמִיד אֲפִלּוּ כְּשֶׁאוֹכֵל לְבַדּוֹ.**

נאך האט דער רבי געזאגט: "מען זאל נישט פּרעבּענדעווען מיט קיין מאכל!". וואס מען גיט - זאל זיין גוט. צומאל מאכט זיך קריגערייען אז מען מישט זיך אין קאך - יא קאכן דאס, ס'איז נישט גוט - ס'איז יא גוט.

"נישט פרעבּענדעווען מיטן עסן!" - וואס מען גיט איז גוט.

דער רבי ר' ברוכ'ל (ממעזשבוזש) האט געטייטשט: "וְאִמְרוּ בָּרוּךְ לְשֻׁלְחָנִי הֶעָרוּךְ" - מיין טיש איז "ברוך"[ט]. וואס מען גרייט אויף איר איז גוט; קיינמאל נישט זאגן קיין חסרון.

דאס איז אליין גערעדט געווארן - אויך נאכנישט 'שיבור תאות אכילה', אבער דער אמת'ער 'שיבור תאות אכילה' איז גאר עפעס אנדערש[י].

## א ל"ו'ניק דארף נישט זיין קיין שוסטער...

ר' אברהם שטערנהארץ האט דערציילט, ער איז געווען א יתום (מאמו), און דער טשעהרינער רב (- זקינו) האט אים געהייסן אז טאמער איינער וועט אים פארבעטן צום עסן זאל ער נישט גיין, נאר אז ר' אברהם בער'ניו[יא] וועט דיר בעטן זאלסטו יא גיין.

אמאל האט ער אים פארבעטן אויף א מיטאג, ער איז געווען א איד א גביר. האט ער געזעהן ווי ר' אברהם בער'ניו, נאך יעדעס לעפל לייגט ער איר אוועק און הויבט אויף די אויגן צום אויבערשטן. נאך א לעפל, אוועקגעלייגט, און ווייטער אויפגעהויבן די אויגן צום אויבערשטן.

דאס איז א מדריגה פון גרויסע מענטשן - געגעסן א לעפל און אוועקגעלייגט.

---

[ט] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג אות י"ז בהערה שם: הרב רבי מרוך ממעז'בוז' פירש בצחות את הנאמר בתפילת 'רבון כל העולמים' שבזמירות ליל שבת "ואמרו ברוך לשולחני הערוך" וכו', היינו שהוא, 'ברוך' – 'אומר ברוך' על כל מה שנמצא על 'שולחנו הערוך'.

[י] בענין גודל קדושתו ופרישתו של רביז"ל בענין האכילה - עיין שיחות הר"ן קע"א ואות רמ"ו; שבחי הר"ן אות א' ואות כ"א.

[יא] נכד רביז"ל (בתו של אדל בת רבינו).

נאכדעם האט דער טשעהרינער רב איבערגעפרעגט ר׳ אברהמ׳ען, האט ער אים דערציילט וואס ער האט צוגעזעהן. האט ער געזאגט: **״דערפאר האב איך דיר געהייסן גיין עסן צו אים!״.**

אונזערע לייט זאגן דאך אזוי פון ר׳ נחמן טולטשינער: **״די וועלט מיינט אז א ל״ו׳ניק דארף זיין א שוסטער, א שניידער, א פארבאהאלטענער; עס קען זיין אזוי ווי אונזער ר׳ אברהם בערניו - און ער זאל זיין א ל״ו׳ניק!״.**

מענטשן וואס האבן אים געקענט האבן געזאגט אז זיין צורה האט אזוי געלויכטן - אזא מין ליכטיגע צורה האט ער געהאט דער ר׳ אברהם בער׳ניו - אַן אויסגעוואשן פנים! עס האט אזוי געלויכטן די צורה זיינע, ער איז דאך געווען דעם רבי׳נס א קינד.

רבי נתן שרייבט דאך אין די בריוו אויף ר׳ אברהם בערניו[יב]: **״המתפלל בכוונה״!**

אַן ׳איש כשר׳ איז עפעס אנדערש; אַן איש כשר איז אַן אנדער עסן, אַן אנדער שלאפן, אַן אנדער גיין, אַן אנדער רעדן, אַן אנדער דאווענען, ממילא איז אנדערע זאכן אויך דא.

מיר ווייסן אז עס איז דא ׳תאות אכילה׳, און עס איז דא אז מען עסט ׳בקדושה׳; אבער ׳וואס׳ און ׳ווען׳ - דאס דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן. געווענטליך, וואס מען עסט מער געלאסענער, מען האלט א ספר ביים טיש, עפעס איז דאס, עפעס מאכט דאס בעסער. אבער אינגאנצן די זאך, איז ווייטער עפעס אנדערש.

---

[יב] במכתב יום ב׳ עקב תקפ״ז למורינו ר׳ נפתלי, וזל״ש בא״ד: הַצַּדֶּקֶת מָרַת אָדִיל תִּחְיֶה, וּבְנָהּ הַוָּתִיק מוֹרֵנוּ **הָרַב אַבְרָהָם בֶּער שֶׁיִּחְיֶה, הַמִּתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה**, וּבִתָּהּ רִבְקָה מִרְיָם שֶׁתִּחְיֶה פּוֹרְסִים שְׁלוֹמְכֶם.

**דער רבי זאגט אין דער תורה "כי מרחמם ינהגם"[יג]: "אזא מין 'הארת הרצון' איז דא ביים עסן - אז ער זאל געבן א געשריי - 'בינד מיך - איך וויל זיין א איד'!"[יד] - אזא מין בענקאכטס צום אויבערשטן באקומט ער ביים עסן.**

**דער רבי זאגט[טו], "דער עיקר 'יראה' קומט צום מענטשן בשעת'ן עסן!". דאס איז גאר אנדערע רייד.**

**יעדע זאך איז אזוי; מען קען דען יענעם זאגן מערער? מער פון 'אסור'-'מותר' קען מען נישט זאגן; אין דעם 'אסור' איז דא טויזנטער מדריגות, און אין דעם 'מותר' איז אויך דא[טז]. מען קען זאגן 'טוב'-'רע'. 'טוב' האט נישט קיין שיעור, און 'רע' האט נישט קיין שיעור. אבער מיר רופן עס אָן מיט צוויי נעמען 'טוב ורע'. דאס איז אויך דאס אייגענע, 'תאות אכילה' - און 'נישט תאות אכילה', אבער 'וואס-און-ווען' קען מען נישט זאגן.**

---

[יג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן ז' אות י', וזל"ש בקיצור (מליקו"ע): מִי שֶׁזּוֹכֶה לְרַבִּי אֲמִתִּי שֶׁיּוֹדֵעַ לְהָאִיר הָאָרָה הַקְּדוֹשָׁה בְּיִשְׂרָאֵל כָּרָאוּי וְהוּא אִישׁ חַיִל וְלֹא לְהֵפֶךְ שֶׁקּוֹרִין (שְׁלֵימַזְלְנִיק), **עַל־יְדֵי זֶה יָכוֹל לְקַבֵּל בְּעֵת הָאֲכִילָה הֶאָרַת הָרָצוֹן הַמֻּפְלָג, דְּהַיְנוּ שֶׁיָּאִיר לוֹ הָרָצוֹן בְּעֵת הָאֲכִילָה וְיִשְׁתּוֹקֵק וְיִכְסֹף מְאֹד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן מֻפְלָג בְּלִי שִׁעוּר בְּלִי שׁוּם יְדִיעָה, שֶׁלֹּא יֵדַע כְּלָל מַה הוּא רוֹצֶה רַק רָצוֹן פָּשׁוּט בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.**

[יד] עיין חיי מוהר"ן אות תכ"ה: פַּעַם אַחַת אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ אַזוֹי אַ רָצוֹן אַז מֶען זָאל נִיט ווִיסְן וָואס מֶע ווִיל, מֶע זָאל שְׁרַייעֶן גְּוַואלְד בִּינְט מִיךְ וָוארְן אִיךְ וֶוער וכו' וכו'**; גם ראה שיחות הר"ן אות ל"ב; גם ראה ביאור הליקוטים על תורה ז' תנינא אות ע"ט: בעת שיצא מפיו הקדוש בהפלגת **הרצון דלא נדע מה** הנ"ל **לצעקת אהה עקדני** וכו' יש לרמז במשפט יראיו הנ"ל כעקידת הבן לכוללו בספירה עשירית כתר כעולת התמיד המוב"פ; גם ראה שיש"ק (חדש) ח"ג סימן תרצ"ה: רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ אָמַר: **"בִּשְׁעַת אֲכִילָה קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי פַּארְבֶּענְקֶען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַז מֶען ווִיל גֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי: 'גֶעוַואלְד! בִּינְד מִיךְ! אִיךְ ווִיל זַיין אַ יוּד!'"** - "בִּשְׁעַת הָאֲכִילָה יְכוֹלִין לִכְסֹף וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ כָּל כָּךְ אֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁרוֹצִים לִתֵּן צְעָקָה: 'אֲהָהּ! עָקְדֵנִי! אֲנִי רוֹצֶה לִהְיוֹת יְהוּדִי!'"; ראה עוד 'ליקוטי הלכות' פדיון בכור ה' אות י"ט, ושם חלה ד' אות ג'; 'ליקוטי עצות' ערך 'אמת ואמונה' אות נ"ה; 'ביאור הליקוטים' סימן ז' תנינא אותיות י"א וע"ט.

[טו] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ז.

[טז] עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז אות כ"א: **וַאֲפִלּוּ בְּהֶתֵּר יֵשׁ אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת בְּחִינוֹת וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּאִסּוּר חַס וְשָׁלוֹם.**

## 'דו גלייכסט זיך צו מיר?'

זאגט דער רבי: "והארת פנים הוא תיקון 'ואמת'". 'הארת פנים' דאס איז 'נשיאות פנים', דאס איז דער תיקון פון 'ואמת' (- מי"ג מידות של רחמים). 'אמת' איז דער 'אור הפנים'. "און דאס איז 'יעקב', כמו שכתוב (מיכה ז'): 'תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב'. והוא בחינת תפילין, ווארום 'יעקב' איז 'תפארת', און 'תפארת' איז 'כלליות הגוונין'" - פון עטליכע גוונין. יעקב איז כלול פון אברהם און יצחק, דאס איז 'כלליות הגוונין'. "און דאס איז 'תפילין' וואס ווערן אנגערופן 'פְּאֵר', אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל כד): 'פְּאֵרְךָ חֲבוֹשׁ'". רעדט דער רבי דא אז 'שיבור תאות אכילה' איז די זאך פון 'תפילין', 'הארת פנים', 'אמת', 'יעקב'.

רבי נתן האט געזאגט אמאל; א טייל זאגן אז ס'איז געווען כ' סיון, און א טייל זאגן אז עס איז געווען בה"ב. איך האב געהערט - כ' סיון. רבי נתן האט דעמאלט געגעסן, האט אַן אנדערער אויך געוואלט עסן. האט ער אים געזאגט: "דו גלייכסט זיך צו מיר? מיין עסן איז 'צחצחות'!"[יז].

א טייל זאגן אז ס'איז געווען בה"ב ביי 'שני'. איך האב געהערט דיעות דערינען. יענער האט נאכגעטוהן רבי נתן'ען.

דא ווייסט מען נישט פון כ' סיון; אין אוקריינע איז עס א תענית, מען זאגט סליחות[יח].

רבי נתן איז דאך די לעצטע יארן געווען א חולה אלעמאל, האט רבי נתן געגעסן, האט יענער אויך געגעסן.

"דו גלייכסט זיך צו מיר? מיין עסן איז 'צחצחות'!" - אזוי האט רבי נתן א זאג געגעבן אמאל א ווארט.

---

[יז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ה' אות ג': אֲכִילַת הַצַּדִּיק הוּא רַק בִּשְׁבִיל הַנְּשָׁמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי י"ג): "צַדִּיק אוֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ", וּשְׂבִיעַת הַנֶּפֶשׁ זֶה בְּחִינַת הַצַּחְצָחוֹת, שֶׁמְּצַחְצֵחַ נִשְׁמָתוֹ עַל יְדֵי אֲכִילָתוֹ, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה נ"ח): "**וְהִשְׂבִּיעַ בְּצַחְצָחוֹת נַפְשֶׁךָ**". וַאֲזַי כְּשֶׁמְּצַחְצֵחַ נִשְׁמָתוֹ, אֲזַי הוּא אִישׁ תְּבוּנוֹת, בְּחִינַת: "וְנִשְׁמַת שַׁדַּי תְּבִינֵם" כַּנַּ"ל; גם עיין שיחות הר"ן כ"ד.

[יח] בענין תענית כ' סיון עיין ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ה אות ל"ו; שם הל' חובל בחבירו ה"ג אות ז'.

(אחד הנוכחים: ר' נפתלי האט געזאגט: "מיין שלאף איז טייערער - - ") **"מיין שלאף איז טייערער פון זיין דאווענען!".**

ר' סענדער האט געדאוונט הויך, און עס האט אים געשטערט דעם שלאף[יט].

## רייך ווי קורח

**"ועיקר עשירות קומט פון 'אמת', כמו שאמרו חז"ל** (שבת קד)**: 'קושטא קאי'. ואמרו חז"ל** (פסחים קי"ט)**: 'וְאֵת הַיְקוּם אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם'** (דברים יא) **- 'זה ממונו שעליו קאי'". 'קושטא' איז 'אמת'. און 'קאי' איז 'עשירות'.**

דער פסוק שטייט דאך ביי קורח'ן, דאס גאנצע פארמעג איז געווארן איינגעשלונגען. קורח איז געווען אזא מין עושר, א געוואלד זיין עשירות, און אלעס איז געווארן איינגעזונקען אין דער ערד. פון דארטן נעמט די גמרא, 'זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו'. זאגט דער רבי, 'קושטא' איז 'אמת', און 'קאי' איז 'עשירות'; דער עיקר 'עשירות' קומט פון 'אמת'.

קורח'ס עשירות ווען עס קומט ווען פון 'אמת' וואלט ער נישט געווען וואס ער איז געווען. קורח איז געווען א גרויסער מיליאָנער, האט ער געקענט צוציען צו זיך אסאך מענטשן, מיט געלט קויפט מען דאך אלץ אפ, ער האט א גאנצע חברה אפגעקויפט.

עס שטייט דארטן[כ]: **"לֹא תֵלֵךְ רָכִיל". זאגט דער תרגום: 'לא תיכול קורצין'** - דו זאלסט נישט עסן קיין 'קורצין'. די גמרא זאגט, רש"י ברענגט עס אויך אויפן ארט,

---

[יט] עיין טעם זקנים קונטרס קכ"ח: איך האב געהערט אז ר' סענדער (טירהאוויצער) איז געווען אין אומאן, עס איז געווען אויף דער נאכט, ר' סענדער האט געדאוונט מיט א קאך, ער פלעגט דאווענען די מעריב'ס זייער (בקול רעש), און רבי נפתלי איז שוין געשלאפן. האט ער געזאגט, מען זאל אים זאגן ער זאל אויפהערן: **"מיין שלאפן איז טייערער ווי זיין דאווענען - ער זאל מיר נישט שטערן דעם שלאף!"**. איך מיין דאך, שלאפן איז דאך אין א גבול, אבער עס איז געווען אזא צדיק וואס זיין שלאפן איז טייערער פון יענעמ'ס (תורה ותפילה). דער רבי ברענגט דאס אין א תורה (ליקו"מ כ"ה) - 'זיין חצוניות איז העכער ווי יענעמ'ס פנימיות'. וידוע מעשה כעי"ז שהיה עם ה"בית אהרן" מקארלין עם המגיד ממעזריטש זי"ע.

[כ] ויקרא יט, טז.

פשט[כא], אמאל פלעגט זיין, ווען מען האט געוואוסט אז עס איז נתקבל געווארן די לשון הרע, האט מען עפעס געגעסן דארטן. אז איינער האט גערעדט לשון הרע, האט מען געגעבן עפעס צו פארזוכן, האט מען געוואוסט אז די לשון הרע איז נתקבל געווארן.

עס איז דא אזא מין סארט אכילה וואס עס איז מיט לשון־הרע׳ס. קורח איז געווען רייך, האט ער געגעבן עסן. און (לעומת זה) איז דא אזא מין אכילה וואס איז ׳אמת׳, ׳יעקב׳.

עס שטייט דארטן[כב], בשעת עס איז געווען די בליעה פון קורח׳ן, טאמער איז געווען אפילו א מחט, א נאדל, האט זיך עס געקאטשעט און געווארן איינגעזונקען אז עס זאל נישט בלייבן אפילו קיין נאדל. עס איז געווען אַן ענין פון עבודה־זרה, ׳קרח מין היה׳[כג]. אפילו עפעס א ריח פון עבודה־זרה איז שוין א חרון־אף[כד]. אפילו א נאדל איז געווארן אריינגעזונקען, עס זאל גארנישט בלייבן פון זיין עשירות.

דער רבי זאגט דא, ׳עשירות׳ קומט פון ׳אמת׳. ׳זיין׳ עשירות איז נישט געקומען פון ׳אמת׳. אויב זיין עשירות וואלט געקומען פון ׳אמת׳ וואלט ער נישט געקריגט אויף משה מיט אהרן׳ען.

יעדע זאך וואס מען רעדט, איז אלץ דא שוין דער היפך אויך; אז מען איז זוכה, איז די עשירות ׳אמת׳, ׳תפארת׳, מען בויעט א ׳בית־המקדש׳, מען טוהט אלעם; און אז פארקערט - (איז פארקערט).

---

[כא] וזל״ש: ותרגומו ׳לא תיכול קורצין׳ כמו (דניאל ג׳) ׳ואכלו קורציהון די יהודאי׳ ׳אכל קורצא בי מלכא׳. נראה בעיני, שהיה משפטם לאכול בבית המקבל דבריהם שום הלעטה והוא גמר חיזוק שדבריו מקויימים ומעמידם על האמת. ואותה הלעטה נקראת אכילת קורצין, לשון ׳קורץ בעיניו׳ (משלי ו), שכן דרך כל הולכי רכיל לקרוץ בעיניהם ולרמוז דברי רכילותן שלא יבינו שאר השומעים.

[כב] במדבר רבה יח, יג.

[כג] במדבר רבה פרשה יח; ירושלמי סנהדרין פרק חלק.

[כד] עיין ליקוטי מוהר״ן סי׳ י״ח אות ב׳.

# דיין זאך איז ציצית

"וזה שאמרו חז"ל (ברכות כד): 'וְהָיוּ חַיֶּיךָ תְּלוּאִים' (דברים כח), זאגט די גמרא, 'זה התולה תפיליו'" - ער איז מבזה די תפילין, ער איז פוגם אין די תפילין. "גם אמרו (מנחות קג): 'זה הקונה תבואה מן השוק'" - אַן ארעמאן. זאגט דער רבי, די ביידע זענען איין זאך; פארוואס איז ער קונה 'תבואה מן השוק', דאס מיינט, אַן ארעמאן וואס ער דארף קויפן פון גאס? ווייל ער איז מבזה די תפילין. "'דלות' נעמט זיך פון 'פגם התפילין', פון 'פגם של אמת'". און דאס איז אלץ דורך 'אכילה'; וויבאלד 'תאות אכילה', איז 'פגם האמת', ווערט ער אַן ארעמאן, דארף ער קויפן 'תבואה מן השוק'.

"וארץ ישראל שעיקר קבלתה מבחינת יעקב" - ארץ ישראל איז מקבל איר שפע פון דער זאך פון 'יעקב', "כמו שכתוב (בראשית לז): 'וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ'". דאס הייסט, אינגאנצן די ישיבה, אינגאנצן די שפע, איז געגאנגען 'בארץ' - אין ארץ ישראל. "'בשביל זה' ווערט זי אנגערופן 'ארץ החיים', ווארום 'תפילין' ווערט אנגערופן 'חיים', כמו שכתוב: 'ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ'". זי הייסט 'ארץ החיים', ווייל די שפע גייט פון 'תפילין', פון 'יעקב'.

"וזה שבחָהּ" - דאס איז דער שבח אירע, "'אֲשֶׁר לֹא בְמִסְכֵּנֻת תֹּאכַל בָּהּ לֶחֶם' (דברים ח'). כי לפעמים אדם אוכל לחם מחמת עניות"; אז ער האט נישט - מוז ער עסן ברויט אליין, אבער "נישט מחמת חסרון תאוה לתענוגים אחרים. אבל אם היה לו שאר מאכלים - וואלט ער נישט געגעסן קיין לחם לבד. אט דאס איז דער שבח פון ארץ ישראל, שלא מחמת עניות זאלסטו עסן 'לחם' אליין, נאר וואס דען, מחמת שיבור וביטול תאות אכילה. ווארום זי איז מקבל איר שַיין און איר השפעה פון 'תפילין', פון 'יעקב', פון 'אמת', וואס פון דארט קומט דאך די עשירות. נמצא מה שתאכל לחם לבד איז נישט מחמת עניות, נאר מחמת שיבור תאות אכילה". אט דאס איז דער שבח פון ארץ ישראל.

"וזה פירוש (במדבר יג): 'אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ', אז זי איז מקבל איר שפע פון 'יעקב', כמו שכתוב: 'וישב יעקב בארץ'". 'ארץ אוכלת' - איר שפע גייט פון 'יושביה' - פון 'וישב יעקב בארץ'. אז יעקב איז געקומען קיין מצרים איז געווארן אויס-הונגער - פון דארטן גייט די שפע.

**"וזה פירוש: 'כִּי הִיא שִׂמְלָתוֹ לְעוֹרוֹ' - 'דא עור של תפילין'"** - אזוי שטייט אין **"תיקונים"** (תיקונים תיקון ס"ט דף צ"א:), **"שבה נכנס בחינת תפילין"**[כה].

**"וזה פירוש** (דברים יא)**: 'וְנָתַתִּי עֵשֶׂב'. 'עשב' איז ע"ב שי"ן** (תיקון נ"א וזוהר בראשית כ"ה:), **דאס איז 'כלליות הגוונין'"**. ווען וועל איך דיר געבן די 'גוונין', דאס הייסט, 'תפילין', 'פְּאֵר', 'תפארת'? **"'כְּשָׁדְּךָ לִבְהֶמְתֶּךָ' - כשתשדד את הבהמיות"** - אז דו וועסט צוברעכן דיין בהמיות. דער רבי רעדט דאך דא פון 'תאות אכילה'; ווען וועל איך דיר געבן די ע"ב שי"ן, דאס איז 'תפארת', די 'גוונין', 'התפארות', 'תפילין'? ווען דו וועסט צוברעכן דיין בהמיות, **"אז יתגלה כלליות הגוונין, כמו שכתוב: 'ישא ה' פניו אליך'"** - אז דער אויבערשטער וועט דיר 'נושא פנים' זיין.

**"וכשפוגם באמת, בכלליות הגוונין, אזי נעשה מכלליות הגוונין, בושה; עם קומט אויף אים בושה"**. 'תפארת' איז 'כלליות הגוונין', נאר אז ער איז פוגם, קומט אויף אים 'בושה', דאס איז אויך א 'בחינת גוונין'. **"היינו עניות, כמו שכתוב: 'כֻּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם', נשתנה פניו לכמה גוונין ככרום"**. אז ער איז פוגם אין תפילין, ווערט דאך 'עניות'; אז ער איז פוגם אין 'אמת', ווערט אויך 'גוונין'-'בושה'.

אז מען איז זוכה צו 'תפילין' דורך 'שבירת תאות אכילה', ווערט דאך 'פְּאֵר', ווערן די גוונין, 'כלליות הגוונין', דארף נישט זיין קיין 'בושה'. אבער טאמער איז ער פוגם אין 'אמת', אין 'כלליות הגוונין', ווערן די 'גוונין' - 'בושה', עס קומט אויף אים 'בושה', 'עניות'.

---

[כה] ועיין שם בפנים התורה מש"ש על זה בזה"ל: לִכְאוֹרָה אֵין לָזֶה פֵּרוּשׁ, מַה חִבּוּר יֵשׁ לְעִנְיָן זֶה לְמַה שֶּׁכָּתוּב לְמַעְלָה. אַךְ נִרְאֶה כַּוָּנָתוֹ הַקָּדוֹשׁ, כִּי לְמַעְלָה מְבֹאָר שֶׁעַל יְדֵי תְּפִלִּין, שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמֶת, בְּחִינַת יַעֲקֹב, שֶׁזּוֹכִין עַל יְדֵי שְׁבִירַת תַּאֲוַת אֲכִילָה, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹלִין מִדַּלּוּת וַעֲנִיּוּת כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ מַה שֶּׁהֵבִיא מִקְרָא זֶה, "כִּי הִיא שִׂמְלָתוֹ" וְכוּ', לְעִנְיָן זֶה. פֵּרוּשׁ: כִּי מִקְרָא זֶה נֶאֱמַר עַל הֶעָנִי וְהָאֶבְיוֹן, "כִּי הִיא כְסוּתֹה לְבַדָּהּ הִיא שִׂמְלָתוֹ לְעוֹרוֹ". וּמְרַמֵּז עַל עֲנִיּוּת הַשְּׁכִינָה בְּגָלוּתָא, שֶׁמִּשָּׁם עִקַּר הָעֲנִיּוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל בַּגָּלוּת, כַּמְבֹאָר בַּתִּקּוּנִים (שָׁם). וְזֶהוּ: "כִּי הִיא כְסוּתֹה וְכוּ' הִיא שִׂמְלָתוֹ לְעוֹרוֹ", 'דָּא תְּפִלִּין'. הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלִּין הֵם עִקַּר הַשִּׂמְלָה הַמְּגִנַּת עַל עֲנִיַּת הַשְּׁכִינָה וּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, כִּי תְּפִלִּין מְבַטְּלִין הַדַּלּוּת. כִּי עִקַּר הַשֶּׁפַע וְהָעֲשִׁירוּת נִמְשָׁךְ עַל יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמֶת, בְּחִינַת תְּפִלִּין. כָּךְ נִרְאֶה לִי לְפָרֵשׁ.

"ואנחנו בני ישראל, זענען מקבל די שפע דרך ארץ־ישראל. ושפע ארץ־ישראל היא הארת פני יעקב". אלע אידן פון דער גאנצער וועלט זענען מקבל די שפע פון ארץ ישראל, וואס דאס איז 'הארת פני יעקב', 'הארת התפילין'.

"ובשביל זה כתיב בה (בראשית מט): 'הַנֹּתֵן אִמְרֵי שָׁפֶר'. 'שפר' דאס איז 'פאר', דאס איז 'תפילין'. היינו, שהיא" - די לאנד, "נותנת לנו אותיות הארה שקיבלה מתפילין".

"וזה פירוש (קהלת ט): 'רְאֵה חַיִּים עִם אִשָּׁה'. 'הנותן אמרי שפר' איז ראשי־תיבות 'אשה'. וזה: 'ראה חיים' דייקא. 'חיים' איז דאך 'תפילין'", ווארום תפילין ווערט אנגערופן 'חיים'.

"וזה (בראשית מט): 'נַפְתָּלִי אַיָּלָה שְׁלֻחָה' וכו', נפתלי אותיות תפילין".

דער רבי האט טאקע געזאגט צו ר' נפתלי'ן: "דיין זאך איז ציצית; כאטש דיין נאמען איז דאך 'נפתלי', און נפתלי איז אותיות 'תפילין', אבער דיין זאך איז ציצית!"[כו].

כ'האב געהערט טאקע, ר' נפתלי האט תמיד געטראגן ביי זיך ציצית. אמאל איז ער געגאנגען טרעפ ארויף, האט ער אינמיטן געזעהן א שאלה, האט ער זיך אפגעשטעלט אינמיטן די טרעפ און פאררעכטן. עס איז געווארן עפעס א שאלה, אפגעריסן צו וואס, איז ער נישט געגאנגען ארויף, נאר שוין אויפן פלאץ פאררעכטן.

דער רבי האט אים געזאגט: "דיין זאך איז ציצית!" האט ער תמיד געטראגן מיט זיך ציצית, אינמיטן די טרעפ ארויף האט ער פאררעכטן די ציצית.

"וכשאנו אוכלים שפע אמת הבא דרך ארץ ישראל, ואחר כך אנו מדברים הילולו של הקב"ה בזה הכח, אזי נעשה שמים וארץ חדשה, אזוי ווי חז"ל זאגן (הקדמת הזוהר ה.): 'לֵאמֹר לְצִיּוֹן עַמִּי אַתָּה', אל תקרי עַמִּי אלא עִמִּי - בשותפי וכו'". דער אויבערשטער זאגט, 'איר ווערט בשותפות מיט מיר; איך האב באשאפן דער וועלט מיטן 'דיבור', און איר האלט דער וועלט מיטן 'דיבור'".

---

[כו] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות תש"ץ.

"'כי שמים החדש' ווערט דורך 'הארת פני יעקב'. 'שמים' איז דאך 'גוונין', 'אש ומים'. און ווייטער, 'הארץ החדשה' ווערט דורך 'ארץ ישראל'", ווערט 'שמים וארץ'. 'שמים' איז 'גוונין', און 'ארץ' איז 'ארץ ישראל'. "שהולכת השפע דרך ארץ ישראל. נמצא שברא עכשיו שמים ומזלות אחרים. נמצא שמשַׁנה הטבע שהיה מוטבע במזלות הראשונים, כי עכשיו ווערט נייע מזלות חדשים. נמצא שעל־ידי שיבור תאות אכילה נעשה מופתים ופלאות". אז ער באשאפט נייע 'שָׁמַיִם', איז דאך אנדערע מזלות, אַן אנדערע טבע.

❖ ❖ ❖

## א ריכטיגער 'שורר בביתו'

(חסרה ההתחלה; מדבר עפ"י תורה נ"ו, שיש בכל אחד מישראל בחינת מלכות; יש שהוא 'שורר בביתו' וכו') אין רוסלאנד פלעגן די קינדער קומען פון חדר אכט אזייגער צו האלב-אכט ביינאכט. רבי נתן האט זיך נישט געלייגט שלאפן, נאר ער האט געווארט אז די קינדער זאלן קומען פון חדר און ער האט געגעסן צוזאמען מיט זיי נאכטמאל, און די קינדער האבן זיך געלייגט, נאכדעם האט ער זיך געלייגט.

זעהען מיר, דער מענטש איז דאך געווען אזא מין שוואכער מענטש, וואלט ער דאך געדארפט שלאפן מער מיט אפאר שעה? נאר דער חינוך איז געווען אזוי פיל גרויס, אז ער האט געוואלט עסן ביינאכט מיט די קינדער נאכטמאל צוזאמען, און געזעהן אז די קינדער זאלן בענטשן און ליינען קריאת־שמע און לייגן זיך שלאפן, דעריבער האט ער איינגעשטעלט זיין שלאף און זיך נישט געלייגט שלאפן ביז דאס איז דורכגעגאנגען. זעהען מיר וואס הייסט אַן ענין פון 'שורר בביתו', א 'מושל בביתו'.

נאר וואס דען, ער האט געהאט מקובל פון רבי'ן אז מען קען אלצדינג מאכן מיט 'תפילה'[כז]. אזוי אויך מיט תורה, דעמאלט באקומען די דיבורים 'חן'[כח].

---

[כז] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג אות כ"ט: **עִקַּר בְּחִינַת מַלְכוּת זוֹכִין עַל יְדֵי תְּפִלָּה** שֶׁהִיא בְּחִינַת מַלְכוּת כַּיָּדוּעַ, **כִּי עַל יְדֵי תְּפִלָּה מוֹשְׁלִין בְּכָל הָעוֹלָמוֹת וּמַנְהִיגִין כָּל הָעוֹלָמוֹת כִּרְצוֹנוֹ** בִּבְחִינַת צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת אֱלֹקִים.

[כח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' א'.

מיט 'תורה' און מיט 'תפילה'.

אמאל קען מען רעדן און רעדן, און עס גייט נישט; נאר אז מען רעדט זיך אויס פאר השי"ת גוט, העלפט דער אויבערשטער אז די דיבורים ווערן נתקבל.

דער רבי האט געזאגט: "מיט בייזן פועל'ט מען נישט; פועלט מען אמאל יא מיט בייזן, וואלט מען דאס מאל מיט גוטן גיכער גע'פועל'ט!"[כט].

איז דאך אַן ענין, ער דארף טאקע האבן א ממשלה, אבער די ממשלה זאל זיין מיט גוטנס, מוז מען מצרף זיין דערצו אסאך 'תפילה'; אט דאס איז די ערשטע מלכות - זאגט דער רבי.

"ויש שהוא מושל ביותר, וכן יש שהוא מושל על כל העולם, כל אחד לפי המלכות שיש לו. בבחינת 'שרי אלפים, ושרי מאות, ושרי חמשים, ושרי עשרות' (שמות יח)". דאס איז א שבועות'דיגע תורה[ל]; 'שבועות' איז די זאך פון 'מלכות', דאס איז די 'תורה'.

זאגט דער רבי: "אט די מלכות וואס איז דא 'בכל אחד', היא באתגליא ובאתכסיא. 'באתגליא' איז וואס ער האט ממשלה אויף די מענטשן, וואס מען זעהט אז ער איז מושל 'באתגליא' אויף די מענטשן וועדליג די מלכות וואס ער האט".

און וואס איז 'מלכות באתכסיא'? - "דאס האט אויך יעדער איינער; יעדער איינער האט וועדליג זיין בחינה, א 'מלכות באתכסיא'. דאס הייסט, כאטש 'באתגליא' איז 'נראה' אז ער האט נישט קיין שום ממשלה אויף די מענטשן", און ער ווייסט אויך נישט ווער זיי זענען, "עם־כל־זה, באתכסיא ובהעלם גדול איז ער א מושל אויף די מענטשן, ווארום זייערע נשמות זענען 'תחתיו, ונכנעים תחתיו'".

---

[כט] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ג' ב' דחנוכה תר"ד: עַל יְדֵי כַּעַס אֵין פּוֹעֲלִים כְּלוּם רַק מַזִּיקִים הַרְבֵּה, רַחֲמָנָא לִצְלָן, כִּי רַגְזָן לֹא עָלְתָה בְּיָדוֹ אֶלָּא רַגְזָנוּתוֹ, וְכָל מַה שֶׁיְּכוֹלִים לִפְעֹל, פּוֹעֲלִים בְּדִבְרֵי נַחַת יוֹתֵר וְיוֹתֵר. כִּי דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים.

[ל] שנת תקס"ה. עיין חיי מוהר"ן אותיות כ"ד, נ"ט; ימי מוהרנ"ת ח"א אות ט'.

נאר וואס דען, וואס קען ער דעמאלט טוהן? - דער רבי רעדט דאס ווייטער (באות ג') - ער ווייסט דאך נישט ווער זיי זענען - וואס קען ער טוהן? זאגט דער רבי ווייטער, דורך דער תורה וואס ער לערנט - די תורה אליין שרייט אוים דארטן (משלי א): "עַד מָתַי פְּתָיִים תְּאֵהֲבוּ פֶתִי"[לא] וואס דערמיט איז ער זיי מחזיר בתשובה.

אזא כח איז די תורה, אז די תורה גיט ארוים קולות און יענער ווערט דארטן נתעורר מיט א תשובה, דערהערט יענער דעם "עד מתי פתיים תאהבו פתי", און אזוי איז ער יוצא די 'מלכות באתכסיא'.

דער רבי רעדט דא פון זיין א 'שורר בביתו'. און וואס איז מיט איינעם נאך פאר דער חתונה? נאר אז א מענטש איז א מלך אויף זיינע רמ"ח איברים און אויף זיינע שס"ה גידין, ער איז א 'מושל', אז ער זאגט, "קוק" - קוקט מען, און אז ער זאגט "נישט קוקן" - דארף מען נישט קוקן, און ער איז א 'מלך' אויפן מויל, אז ער זאגט "רעד" - רעדט מען, און אז ער זאגט "נישט רעדן" - זאל מען נישט רעדן, און אזוי אויך ביים טראכטן, א מענטש האט גידין מיט איברים אסאך, דעמאלט איז ער א 'מושל' איבער זיך.

און אפילו ער האט שוין יא א בני־בית, צו ער האט שוין מערער, אויב ער איז א מושל אויף זיך אליין, דעמאלט קען ער זיין א מושל אויף אנדערע אויך. למשל, אז א רב פסק'נט אויף א שאלה און ער אליין איז גאר עובר אויף דער שאלה, ער זאגט אז מען טאר נישט - און ער אליין טוהט יא, אויב דער מענטש איז נישט קיין מושל אויף זיך אליין, ווי קען ער זיין א מושל אויף די קינדער?! קינדער זענען מבינים - 'פארוואס טוהסטו אליין?!'...

קינדער זענען א מבין אויף א רבי'ן, קינדער זענען א מבין אויף א טאטן, זיי ווייסן ווער דער טאטע איז; אז ער איז א גוטער 'מושל בביתו' אויף זיך אליין, ער היט אפ די תורה, אז זיי זעהען א טאטן א ירא ה', א מושל, דעמאלט האט ער א דיעה אויף זיי, קען ער זיין א מושל אין שטוב אויך.

---

[לא] עיין זוהר שמיני ל"ו; אחרי נ"ח; נשא קכ"ו.

# ואע״פ שיתמהמה...

מיר מוזן דאך זאגן; אז דער אויבערשטער גיט א מענטשן א גוף מיט איברים מיט גידים, און זיי ווילן די וועלט, אויב איך קען נישט בשום־אופן זיין א מושל איבער זיי, קומט עפעס אויס אז ער קומט 'בטרוניא עם בריותיו', מען האט אים געגעבן א גוף מיט תאוות אויף וואס ער קען בשום-אופן נישט מושל זיין; איז מוז איך זאגן - "ניין, איך קען יא זיין א מושל!".

נאר וואס דען, דו זאלסט נישט שווייגן, דו זאלסט וויסן - דו ביסט א מושל - אלעס איז געווענדעט אין דיר; איי דו זעהסט עס גייט נישט? דאס איז אונזער 'כלי זיין'![לב].

דער רבי זאגט אין תורה ב': "עיקר כלי זיינו של משיח איז תפילה". דער רבי זאגט דארט: "וכל המלחמות וכל הכבישות איז אלץ מיט תפילה". דאס איז ביי יעדן איינעם, ביי יעדער מלחמה, ביי יעדער זאך ביי דער מלחמת היצר, ווען ער וויל מלחמה האלטן אויף א זאך, ווען ער וויל כובש זיין דער זאך, צו מאכן אביסל א 'שינוי' אין דער זאך - איז עס א מלחמה.

אמאל וויל איינער נישט אנהויבן ווייל ער האט מורא אז ער וועט ממילא נישט אויספירן, ער וועט נישט כובש זיין, איז פארוואס דארף ער אנהויבן? אבער דער רבי זאגט, 'מלחמות' 'וכבישות' צוזאמען, בכח פון דעם רבי'ן, בהתקשרות מיט דעם רבי'ן, מיט די עצות, קען מען אנהויבן און מען וועט כובש זיין![לג]

---

[לב] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג אות ד': צָרִיךְ לֵידַע שֶׁבְּוַדַּאי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִמּוֹ. וּבְוַדַּאי אִם לֹא הָיָה לוֹ כֹּחַ לְשַׁבֵּר לֹא הָיָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְגָרֶה בּוֹ יֵצֶר הָרַע כָּזֶה. רַק, אַדְּרַבָּא, יֵדַע בְּנַפְשׁוֹ כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ יֵצֶר הָרַע גָּדוֹל כָּזֶה, שֶׁבְּוַדַּאי נַפְשׁוֹ הִיא נֶפֶשׁ יְקָרָה וּקְדוֹשָׁה מְאֹד מְאֹד בְּשָׁרְשׁוֹ. וְעַל כֵּן מִתְגַּבְּרִים עָלָיו כָּל כַּךְ ... וּבְדֶרֶךְ זֶה צָרִיךְ כָּל אָדָם לֵילֵךְ כִּי אֵין שׁוּם עֵצָה וְתַקָּנָה לְהִנָּצֵל מִכָּל זֶה כִּי אִם עַל יְדֵי רִבּוּי תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים בְּלִי שִׁעוּר כָּל יְמֵי חַיָּיו, כְּמוֹ דָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, כַּנַּ"ל וְכַמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים.

[לג] עיין עלין לתרופה במכתב מיום א' לך לך תר"א: וּמִי שֶׁמֵּשִׂים אֶל לִבּוֹ שֶׁכָּל כְּלֵי זַיִן שֶׁלּוֹ וְכוּ' הוּא הַתְּפִלָּה וְכוּ' מִתְעוֹרֵר מֵחָדָשׁ לַעֲסֹק בָּזֶה. **וְאִם כִּי אֵין לִי כֹּחַ לִלְחֹם כָּל כָּךְ וְכוּ'** אֲבָל הֲלֹא אֲנִי כְּמוֹ הָאִישׁ חַיִל הַפָּשׁוּט שֶׁגַּם הוּא לוֹקֵחַ כְּלֵי זַיִן מִבֵּית הַמֶּלֶךְ. **וּמֻכְרָח** לִלְמֹד תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה וְכוּ' בְּכָל יוֹם, **וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים הַמְלַמְּדִים אוֹתוֹ וְכוּ'**. וְאֵיךְ שֶׁהוּא אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁהַמִּלְחָמָה **אֲרֻכָּה וַחֲזָקָה** מְאֹד. וְאֵין לִי שׁוּם כְּלֵי זַיִן

**נאר וואס דען, אויך מיט "המתן"[לד]. אז ער זעהט אז עס גייט נישט, ווארט-צו. אבער הער נישט אויף. עס איז נישט פשט - לייג אוועק די כלי־זיין; בשעת מען הייסט אים ווארטן, איז נישט - זעץ זיך אוועק ליידיג; טוה עפעס! איי דו ווערסט נאך נישט געהאלפן? אויף דעם זאלסטו ווארטן!**

**דער רבי זאגט אין דער תורה פון "ט' תיקונים"[לה], דארטן ביי דעם פגם פון 'דוחק את השעה': "אם יתן - יתן, ואם לאו - לאו". פלעגן אונזערע לייט אזוי טייטשן: וואס הייסט איך וויל א זאך (אין עבודת ה'), "ואם יתן יתן, ואם לאו לאו"? די כוונה איז נאר אין דעם 'זמן', אבער די עצם זאך מעג ער ווען, ער מעג זיין אַן עקשן אויך[לו], נאר "שוין" - נישט. אז איך וויל א זאך - יא, דו דארפסט נישט אויפהערן צו ווען, אבער "שוין" - דאס טארסטו נישט זאגן. איך וויל "שוין" - דאס איז 'דוחק את השעה'.**

**מען דארף ווען, מען דארף ווען דאווענען א דאווענען, מען דארף ווען דאווענען א ריינע שמונה־עשרה. אז עס גייט נישט - ווארט-צו, אבער הער נישט אויף צו ווען. טאמער דו וועסט אויפהערן צו ווען וועסטו קיינמאל נישט קומען דערצו - דו וויל! און כאטש מען זאגט דיר "ווארט-צו" - איז דאס נישט קיין קליינקייט[לז] - אַן ערליכער איד וויל א דבר שבקדושה - און מען זאגט אים אויבן "וואַרט"!**

---

וְכוּ' כִּי אִם מְעַט דִּבּוּר פִּי. וְגַם זֶה בִּישׁוּעַת ה' וְנִפְלְאוֹתָיו הָעֲצוּמִים, **וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר עַל פְּנֵי הַשָּׂדֶה כַּמָּה אֲנִי חָזָק בָּזֶה.**

[לד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו', וזל"ש בקיצור (מליקו"ע): גַּם צָרִיךְ לָדַעַת שֶׁכְּשֶׁבָּא לִטָּהֵר וְלַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה **אוֹמְרִים לוֹ הַמְתֵּן**, הַיְנוּ אַף שֶׁהוּא צָרִיךְ לְמַהֵר מְאֹד לְהִמָּלֵט עַל נַפְשׁוֹ לִבְרֹחַ מִתּוֹךְ הַחשֶׁךְ, אַף עַל פִּי כֵן אַל יְבַהֲלוּהוּ רַעְיוֹנָיו, כְּשֶׁרוֹאֶה רִחוּקוֹ מִתְּפִלָּה וּמִכָּל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, כִּי הֶכְרֵחַ לְהַמְתִּין, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְתִקּוּן גָּמוּר כָּזֶה, בְּחִינַת **הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּעִין לוֹ וְכוּ' אוֹמְרִים לוֹ הַמְתֵּן** וְהָבֵן.

[לה] ליקוטי מוהר"ן סי' כ', אות ה': וּבִשְׁבִיל זֶה אֵין לָאָדָם לִדְחֹק אֶת עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, אֶלָּא יְבַקֵּשׁ בְּתַחֲנוּנִים; אִם יִתֵּן לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו - לָאו.

[לו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח שצריך להיות עקשן גדול בעבודת ה'.

[לז] עיין ליקוטי הלכות הל' גזילה ה"ה אות כ"ח: **בְּעִנְיָן זֶה שֶׁל הַהַמְתָּנָה וְהַשְּׁהִיָּה שֶׁצְּרִיכִין לְהַמְתִּין וּלְצַפּוֹת הַרְבֵּה וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים וְשִׂיחָה הַרְבֵּה עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ בְּחִינַת קְדֻשַּׁת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל יֵשׁ בָּזֶה נִסָּיוֹן גָּדוֹל וְכִמְעַט עִקַּר הַבְּחִירָה תָּלוּי בָּזֶה.**

רבי נתן האט אזוי געזאגט ביים אנהויב התקרבות[לח]: "ביז מען ווערט אַן איש כשר צריך להתמהמה הרבה" - עס דארף אסאך געדויערן.

דער רבי האט אזוי געזאגט טאקע[לט]: אז מען זעהט אַן איש כשר, ער האט א פעסל קישקעס גלייך מיט אַן אנדערן, אבער אַן איש כשר איז 'אַן ענין אחר לגמרי', אַן 'ענין אחר לגמרי'.

און דאס אז מען וויל טאקע באמת זיין אַן איש כשר, איז ער א גוטער קונה, למעלה האט מען ליב אזא קונה, אז ער וויל קויפן 'אפרסמון', זאגט מען אים - "דו ביסט א גוטער קונה, אבער מען דארף ווארטן, מען דארף ווארטן, מען קען נישט אריינשפרינגען אין גן־עדן מיט א 'פסיעה אחת'[מ], מען דארף ווארטן. אז דו וועסט ווארטן - וועסטו זיך דערווארטן"[מא].

דאס איז אויך דאס אייגענע, מען דארף זיין א מושל איבער זיך, א מושל אין שטוב, און האבן אריכת־אפיים דערצו, נישט זיין קיין 'דוחק את השעה'. נאר וואס דען, נישט שווייגן, נישט שווייגן, אויסניצן די עצות, בפרט דעם עת־רצון, זיין אויף דעמאלט אין דעם עת־רצון און בעטן דעם אויבערשטן; ער האט פאר זיך א גאנצע מלחמה.

---

[לח] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן - אות י"ד.

[לט] עיין שיחות הר"ן י"ד; ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז.

[מ] עיין ליקוטי עצות ערך 'תשובה' אות י"ד (עפ"י ליקו"מ סי' י"ד): **עַל־כֵּן אַל יְבַהֲלוּךָ רַעְיוֹנֶיךָ כְּשֶׁאַתָּה רוֹאֶה**, שֶׁאַתָּה רוֹצֶה לְהִתְקָרֵב וּבָאִים עָלֶיךָ מְנִיעוֹת עֲצוּמוֹת, כִּי **בְּהֶכְרֵחַ** שֶׁיִּהְיוּ לְךָ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וַעֲצוּמוֹת. כִּי כֻּלָּם נִמְשָׁכִין מֵהַבְּגָדִים הַצּוֹאִים שֶׁנַּעֲשׂוּ מֵעֲווֹנוֹתָיו. וּצְרִיכִים לִסְבֹּל יְגִיעוֹת וּמְרִירוּת, עַד שֶׁיַּשְׁלִיךְ מֵעָלָיו הַבְּגָדִים הַצּוֹאִים. וְעַל־יְדֵי זֶה יִתְבַּטְּלוּ כָּל הַמְּנִיעוֹת וְהַמְּסַכִים הַמַּבְדִּילִים בֵּינוֹ לְבֵין הַקְּדֻשָּׁה; גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קט"ו עה"פ 'ויעמוד העם מרחוק' וכו', מש"ש: כִּי **מִי שֶׁהוּא הוֹלֵךְ בְּגַשְׁמִיּוּת כָּל יָמָיו, וְאַחַר כָּךְ נִתְלַהֵב וְרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, אֲזַי מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג עָלָיו, **וְאֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, וּמַזְמִין לוֹ מְנִיעָה. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָפֵץ חֶסֶד הוּא, וכו' עיי"ש בפנים.

[מא] עיין ליקוטי הלכות הל' פקון ה"ד אות י"א: **כְּשֶׁזּוֹכִין לָזֶה לִבְחִינַת הַמַּתָּנָה** אָז **בְּוַדַּאי** יִזְכֶּה לִגְאֻלָּה שְׁלֵמָה מִגָּלוּת נַפְשׁוֹ. כִּי **בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף** יָשׁוּב אֶל ה' וִירַחֲמֵהוּ כִּי חַסְדֵי ה' לֹא תָמְנוּ וְכוּ'. וְעַל זֶה נֶאֱמַר (בַּחֲבַקּוּק ב), עַל מִשְׁמַרְתִּי אֶעֱמֹדָה וְאֶתְיַצְּבָה וְכוּ' כִּי עוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד וְכוּ'. אִם יִתְמַהְמַהּ חַכֵּה לוֹ וְכוּ', שֶׁזֶּהוּ נֶאֱמַר עַל הַגְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה, **וְזֶהוּ גַּם בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן**, ע"כ, עייעו"ש בפנים; גם עיין ספר המידות ערך 'תשובה' אות ע"ו.

עס איז היינט א וועלט מיט געווער. די געווער פון דער וועלט מאכט חרוב דער וועלט. אונזער געווער איז דער קיום פון דער וועלט, און דער קיום פון זיך אליין, און דער קיום פון אלע. דאס איז אלץ א רמז; די גאנצע וועלט איז היינט עוסק אין געווער, מען מאכט נאר געווער, יעדער איינער וואס קען אויסטראכטן געווער אויס׳צוהרג׳נען מערערע מענטשן מיט איינמאל איז ער מער ׳חכם׳, האט ער מער כוחות...[מב] אבער ברוך ה׳, אונזער געווער איז א געווער אויף צו מקיים זיין דער וועלט, און מקיים זיין זיך אליין, מקיים זיין די בני־בית. נאר וואס דען, מען דארף נעמען דעם געווער און ניצן דעם געווער.

## כל הרהורי התשובה נלקחים ממנו

יעדער איינער האט א ׳מלכות באתכסיא׳ אויך, נישט נאר ׳באתגליא׳. ׳באתגליא׳ קוקט אויס אז ער האט נישט קיין שום ממשלה אויף די מענטשן, עם־כל־זה, ׳באתכסיא ובהעלם גדול׳ איז ער א מושל אויף די מענטשן, ׳כי נשמתם הם תחתיו, ונכנעים תחתיו׳.

**זאגט דער רבי: "און די ׳מלכות באתכסיא׳ איז אויך יעדער איינער וועדליג זיין בחינה, בבחינת ׳שרי אלפים, ושרי מאות׳ וכו׳". זאגט דער רבי, "עס איז דא ׳אחד׳, ׳שבאתגליא׳ האט ער קיין שום ממשלה נישט, ואף־על־פי־כן באתכסיא ובהעלם גדול איז ער א מושל אויפן גאנצן דור, אפילו אויף ׳כל צדיקי הדור׳, כי כל נשמותיהם הם כולם תחת ממשלתו ומלכותו, וכולם נכנעים וכפופים אליו, רק שהוא בהעלם גדול". אָה, דער דאזיגער ׳אחד׳, דער ׳חד בדרא׳, איז א מושל אויף אלע צדיקי הדור, און זיי זענען אלע תחתיו, נאר בהעלם גדול.**

**דער רבי האט דאך געזאגט טאקע: "וואו א הרהור תשובה, נעמט זיך עס פון מיר!".**

[מב] עיין חיי מוהר"ן אות תקמ"ו: וְהָיָה מִתְלוֹצֵץ מִן חַכְמֵיהֶם וְאָמַר בִּלְשׁוֹן לֵיצָנוּת שֶׁהֵם חֲכָמִים גְּדוֹלִים וְחוֹשְׁבִים וְחוֹקְרִים בְּחָכְמָתָם אֵיךְ לַעֲשׂוֹת כְּלִי זַיִן נִפְלָא שֶׁיּוּכַל לַהֲרֹג אֲלָפִים נְפָשׁוֹת בְּפַעַם אַחַת. וְכִי יֵשׁ שְׁטוּת יוֹתֵר מִזֶּה לְאַבֵּד וְלַהֲרֹג נְפָשׁוֹת רַבּוֹת בְּחִנָּם.

טאקע אט דער צדיק איז א מושל אויף דער גאנצער וועלט - ער טוהט דאך עפעס; און וואס ער טוהט, גייט אריין די השפעה פון דעם אין דער גאנצער וועלט![מג].

"אז יענער ווערט נתעורר צו א הרהור תשובה, נעמט זיך דאס פון מיר" - דער רבי האט אזוי געזאגט.

"בבחינות (מלאכי א): 'בְּכָל מָקוֹם מֻקְטָר וּמֻגָּשׁ לִשְׁמִי'. דאס הייסט, כאטש זיי דינען דאך עבודה־זרה, עם־כל־זה, בהעלם גדול הם כולם נכנעים אליו יתברך, ועובדים אותו יתברך, רק שהוא בהעלם גדול".

זאגט דער רבי אזוי דא: "דארף יעדער איינער זעהן זיך נישט צו ניצן מיט דער מלכות שיש לו, להנאתו ולצרכו". דאס איז א געוואלדיגער לשון, דאס רעדט דער רבי צו יעדן איינעם, און צו אלע מפורסמים, קיינער זאל נישט נעמען דער מלכות פאר זיין הנאה וועגן, נאר פאר כבוד השי"ת.

דער רבי רעדט דארטן אין דער מעשה פון דעם "בערגער ועני"[מד], אז "דער בערגער האט איר נישט אנגערירט". דער בערגער איז דאך מָשיח. פלעגן אונזערע לייט זאגן: זיי האבן נישט געהאט קיין שום 'נגיעות', קיין שום 'פניות'. ווען ער איז מקרב איינעם האט ער נישט קיין שום נגיעה עפעס פארוואס איך בין אים מקרב, 'ער האט נישט אנגערירט'! קיין שום נגיעה! נאר כבוד השי"ת - ארויסנעמען פון דעם גענעראל'ס הענט און אומקערן צוריק[מה].

דער רבי זאגט טאקע אין תורה י"ח, דאס מנהיגות זאל נאר זיין מיט רחמנות. זאגט דער רבי[מו]: "דאס קען נישט זיין, נאר אז ער זאל האבן אמונה בשלימות שאין

---

[מג] עיין חיי מוהר"ן אות כ"ד: **כָּךְ אָמַר בְּפֵרוּשׁ עַל עַצְמוֹ: לָכֶם נִדְמֶה שֶׁאֵין לִי מֶמְשָׁלָה כִּי אִם עֲלֵיכֶם, בֶּאֱמֶת אֲנִי מוֹשֵׁל אֲפִלּוּ עַל כָּל צַדִּיקֵי הַדּוֹר רַק שֶׁהוּא בְּאִתְכַּסְיָא.**

[מד] מעשה י' מספה"ק סיפורי מעשיות.

[מה] עיין ליקוטי הלכות הל' שלוח הקן ה"ג מה שביאר בפסוק 'שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך'.

[מו] אות ג'.

שלימות אחריו", דעמאלט קען ער זיין דער 'רחמן'. דער רבי גיט ארויס אז די מלכות איז נאר מחמת רחמנות, עס איז נישטא פארמישט קיין שום אנדערע זאכן דערין.

זאגט דער רבי דא: "דארף יעדער איינער זעהן", פון דעם ערשטן וואס ער איז 'מושל בביתו' - און נאך פריער, ביז דעם גרעסטן, אז ער זאל נישט ניצן דער מלכות 'להנאתו ולצרכו', עס זאל נישט זיין די מלכות 'כעבד למלאות תאוותו' - דאס 'מלכות' איז ביי מיר אַן 'עבד', איך האב אים געדונגען פאר אַן 'עבד', ער מוז מיך פאלגן, וואס איך הייס - קען איך זאגן, ער מוז דאך מיך פאלגן, 'עבד למלאות תאוותו'. אויב איך ניץ נישט די 'מלכות לה'', איז עס מיר אַן 'עבד', איך האב זיך געדונגען אַן עבד, און וואס איך וויל - טוהט מען, מען מוז מיך פאלגן.

עס זאל נישט זיין ביי אים 'כעבד למלאות תאוותו', "נאר די מלכות זאל זיין א 'בן חורין'" - פריי. "בבחינת (קהלת י): 'אַשְׁרֵיךְ אֶרֶץ שֶׁמַּלְכֵּךְ בֶּן חוֹרִין'". 'ארץ' איז די גאנצע וועלט. וואויל איז די 'ארץ' וואס דער מלך דיינער איז א 'בן חורין', דאס הייסט אז די 'מלכות' איז ביי אים א 'בן חורין', ער ניצט דאס נישט פאר זיין הנאה וועגן - וואויל איז דעם. דער אמת'ער צדיק האט נישט קיין שום נגיעה דערינען, קיין שום פניה, נאר כבוד השי"ת.

"דאס איז די זאך פון מרדכי". מרדכי הצדיק איז דאך געווארן 'שני למלך' אויף הונדערט זיבן־און־צוואנציג מדינות - א וועלט. "מרדכי מן התורה מנַין? פון 'מָר דְּרוֹר'" (חולין קלט:). [דער תרגום מאכט אויף דעם, "מרי דכיא"]. "'מרדכי' איז טייטש, די מלכות איז פריי, 'מר דרור'. 'דרור' איז טייטש פריי, און 'מר' איז 'מלכות' (מרות). די 'מלכות' איז 'פריי', נאר פארן אויבערשטנ'ס וועגן, דאס הייסט א 'מלכות'".

צו אט די מלכות בענקען אידן; 'משיח צדקינו' ער וועט זיין דער מלך, ער וועט זיין דער 'מר-דרור', מיט זיין מלכות וועט ער די גאנצע וועלט צוציען צום אויבערשטן, ער וועט נישט אויסשיסן קיין איין פולווער[מז].

מז עיין שיש"ק (חדש) ח"ג אות רמ"ב.

# נאר מיט התחזקות

פון דער תורה "תקעו תוכחה"[מח] קומט אויס דארטן, משיח וועט זינגען א ניגון פון ע"ב נימין, א ניגון פון חסד. [דאס איז דער שם הוי"ה ווען ער איז 'פשוט כפול משולש מרובע']. און עס וועט זיין אזא מין ניגון, אזא מין חסד, אז די גאנצע וועלט וועט מקורב ווערן צום אויבערשטן.

דער רבי האט געזאגט: "קיין איין פולווער וועט ער נישט אויסשיסן!" נאר מיט חסד און מיט אהבה, מיט א ניגון - א ניגון פון 'חסד'.

דאס האט דער רבי געוואלט, מען זאל נישט גיין נאר מיט רחמנות. אפילו אין שטוב האט דער רבי נישט געהאלטן מען זאל גיין מיט קיין כעס צו מיט אכזריות[מט].

און אפילו אין דער קדושה זאגט דער רבי אויך דאס אייגענע; פארוואס האט דוד המלך נישט געבויעט דעם בית־המקדש? ווייל ער איז געווען מיט דינים[נ]. כאטש ער האט אנגעפרעגט אין דעם 'אורים-ותומים' וואס ער זאל טוהן, ער האט דאס נישט געטוהן אליין, אבער עס איז פארט געווען דינים. שלמה האט נישט געהאט קיין שום מלחמות, האט ער געבויעט דעם בית־המקדש. זעהען מיר, אפילו אין דער קדושה דארף מען אויך זעהן נאר גיין מיט רחמים, מיט רחמנות.

אט דאס איז געווען דעם רבי'נס זאך. פאר דער הסתלקות האט דער רבי געזאגט א תורה איבערצולאזן אויף שפעטער (כצוואה). איז די תורה געוועזן[נא]: "כאטש עס איז דאך א מצוה מוכיח צו זיין, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא י"ט): 'הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ', אבער

---

[מח] עיין שם אות א'.

[מט] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג ערך 'בנים' וערך 'כעס'.

[נ] ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ב: וְזֶה שֶׁנֶּאֱמַר בְּדָוִד (דִּבְרֵי הַיָּמִים א כ"ב): "**לֹא תִבְנֶה בַּיִת לִשְׁמִי כִּי דָמִים רַבִּים שָׁפַכְתָּ**", הַיְנוּ שֶׁלֹּא הִמְתִּיק הַגְּבוּרוֹת, עַל כֵּן לֹא זָכָה לִבְנוֹת הַבַּיִת. **וְאַף שֶׁמִּלְחֶמֶת ה' נִלְחַם**, עִם כָּל זֶה לְמַעְלָה לְמַעְלָה, בְּתַכְלִית הַמַּעֲלָה, בַּמָּקוֹם שֶׁצָּרִיךְ לְהִכָּלֵל, הַיְנוּ בְּאֵין סוֹף, שָׁם כֻּלּוֹ טוֹב, **וְצָרִיךְ לִהְיוֹת רַק טוֹב בְּלִי שׁוּם דִּינִים כְּלָל.**

[נא] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח'.

נישט יעדער איינער איז ראוי להוכיח, אזוי ווי רבי עקיבא האט געזאגט דארטן (ערכין טז:): 'תמה אני אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח'".

ווי איינער זאגט, דער רבי ווערט נסתלק, און איר בלייבט דאך איבער, זעהט אז איר זאלט נישט מוכיח זיין, איר זאלט נישט אזוי ווערן יענעם אריינזאגן, נאר עס זאל זיין א 'תוכחה' וואס משה רבינו האט געזאגט אויפן עגל, אזוי ווי עס שטייט (שיה"ש א): "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ". עס שטייט נישט 'עזב', נאר "נתן". זאגט דער רבי, ער האט זיי נאך צוגעגעבן א ריח-טוב[נב].

עס איז א געוואלד, נאך אזא עגל, אזוי מבזה זיין דעם כבוד ה', דעם כבוד הצדיק, דער כבוד התורה, נאך אזעלכע מופתים פון יציאת מצרים און קבלת התורה מיט אזעלכע התגלות אלקות, און נאכדעם מאכן אזא מין זאך?! אבער ער האט זיי נאך צוגעגעבן א ריח-טוב.

דער אויבערשטער זאגט צו ישעיה הנביא (קאפיטל נח): "הָרֵם כַּשּׁוֹפָר קוֹלֶךָ". כַּשּׁוֹפָ"ר מאכט, פ'שוט כ'פול ש'לוש ר'בוע, א ניגון פון 'חסד', דאס באטרעפט ע"ב. "וְהַגֵּד לְעַמִּי פִּשְׁעָם", זאגט דארט דער רבי, די תוכחה איז אזא מין אהבה, אזא מין חסד.

אויף דעם וועג איז דער רבי געגאנגען 'בחייו', און דעם וועג האט דער רבי איבערגעלאזט. דעם רבי'נס ספר איז פול מיט התחזקות, רבי נתן'ס ספרים איז פול מיט התחזקות, די תפילות איז אויך פול מיט התחזקות, די מכתבים זענען פול מיט התחזקות. א רבי מיט תלמידים מיט ספרים - נאר מיט התחזקות און מיט רחמים.

'נאר תפילה' - דערמיט איז מען כובש!

דער רבי האט געזאגט: "פון מיר ביז משיח וועט נישט זיין קיין נייעס!"[נג].

איצטער דארף מען נאר האבן התחזקות - האלטן זיך און האלטן זיך!

---

[נב] עיין גמ' שבת דף פ"ח ע"ב.

[נג] עיין חיי מוהר"ן אות רס"ו.

מענטשן זענען אזוי ווייט פונעם אויבערשטן; קען איך זיי נעמען און געבן 'תוכחה'? עס וועט ווערן א ריח-רע; דארף מען אים ווייזן אז דער אויבערשטער וויל דיך, דער אויבערשטער קוקט ארויס אויף דיר, "ער איז מיט דיר און ביי דיר און לעבן דיר"[נד], און ער וויל דיך!

דער רבי האט געהאט אסאך תלמידים, אבער דער תלמיד וואס זאל זיין מסוגל צו גיין אויף דעם וועג פון "נאר התחזקות", דאס איז געווען נאר רבי נתן![נה]

אין א הלכה רעדט רבי נתן א שמועס[נו]: "א התעוררות וואס נעמט זיך פון התחזקות דאס איז אַן אנדער סארט התעוררות". א התעוררות פון התעוררות איז גוט, אבער עס איז נישט אזוי; א התעוררות וואס עס איז אבער פון התחזקות, אט דאס איז א געוואלדיגע התעוררות.

אז מען איז יענעם מחזק אז "אביסל איז אויך גוט"[נז], ווערט מען אזוי פיל נתעורר צום אויבערשטן - "אביסל איז אויך גוט"! אז איך קען ארויסכאפן אביסעלע - לאז מיר ארויסכאפן אביסעלע.

## נישט געלאזט ארויסווארפן

למשל, אז היינט זאל אריינקומען אין א שול איינער וואס שרייבט אום שבת און די פינגער זענען פול מיט טינט, און ער זאל אויפהויבן די הענט ביי 'כתר', און אלע זאלן זעהן ווי ער הויבט די הענט, מן-הסתם וואלט מען אים אנגעבראכן די ביינער און ארויסגעווארפן - "אזוי?! דו דארפסט נאך הויבן די הענט צו ווייזן אז דו שרייבסט אום שבת?!".

ביי רבי נתן'ען איז אזוי געווען; איינער איז געווען וואס האט געארבעט (- היה פקיד אצל ראש העיר), און ער האט געשריבן אום שבת, און ער איז אריינגעקומען צו רבי נתן'ען,

---

[נד] עפ"י לשון ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ח. מובא בלשון טייטש בעלים לתרופה כמה פעמים.

[נה] עיין באריכות בפרפראות לחכמה על תורה ו' אות ט"ו.

[נו] עיין ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט אותיות ט"ז - י"ט.

[נז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג אות שצ"ח.

ער איז ארייננעקומען צו 'כתר', און ער האט געהויבן די הענט ביי 'כתר'. האבן אונזערע לייט געשריגן - "געוואלד, אזא מין חוצפה, אזא מין עזות; פארוואס הויבט ער די הענט אז מען זאל נאך זעהן אז ער האט געשריבן מיט טינט?!".

רבי נתן האט געזאגט: "טשעפעט אים נישט, אז ער קומט אריין ביי אונז (ליגט אין אים עפעס א זאך!")".

מען האט אים גערופן "דאס דייטשל". אט דער דאזיגער איז געווארן אזא מין בעל תשובה, אזא מין מקורב, אז ער האט אזוי געזאגט: "איך פאר שוין פערציג יאר צום רבי'ן אויף ראש השנה און איך האב נאך קיינמאל נישט געבעטן דעם רבי'ן אויף פרנסה; איך וויים נישט ווי שעמט מען זיך נישט, מען קומט אריין צום רבי'ן - עס פעלט מיר נישט נאר פרנסה?!"...

רבי נתן האט געזאגט אז 'מיט צוויי מענטשן וועט ער זיך בארימען פארן כסא הכבוד'; ער האט געמיינט 'דעם'.

- און נאך איינער איז געווען פון טולטשין וואס האט געוואלט פארן קיין בערלין, דארטן איז דאך געווען דער מקור הטומאה, דער ימח-שמו'ניק, דער "ביאור" (- משה מנדלסון שר"י), און ער האט געהאט תלמידים דארט. איז איינער געווען וואס ער האט געוואלט פארן קיין בערלין.

איז ער ארייננעקומען אין טולטשין דארטן צו ר' יצחק'ן דער זוהן (של מוהרנ"ת) וואס ער האט געהאט דארטן די פאָסט - אז ער זאל אים צוגרייטן די פערד. האט ער אים צוגעגרייט דארטן פערד צו פארן ווייטער.

דעמאלט איז רבי נתן געווען ביי ר' יצחק'ן אין טולטשין. זעהט יענער אַן אלטן איד דרייט זיך ארום דארטן. פרעגט ער, "ווער איז דער אלטער איד?" זאגט ער, "מיין טאטע!" - "מען קען מיט אים רעדן?" - "יא, מען קען מיט אים רעדן!". האט ער אנגעהויבן רעדן מיט רבי נתן'ען. יענער איז דאך געקומען קיין טולטשין צו פארן ווייטער קיין בערלין, אבער רבי נתן האט מיט אים אזוי גערעדט ביז ער איז שוין קיין בערלין נישט געפארן און ער איז געווארן מקורב.

רבי נתן האט גערעכנט אז מיט די צוויי מענטשן וועט ער זיך בארימען פארן כסא הכבוד - ער וועט זיך בארימען למעלה וואס ער האט געבראכט אזעלכע צוויי מענטשן צום אויבערשטן.

וואס האט ער געקענט מיט יענעם רעדן? יענער ווייסט דען נישט ווער ער איז? ער ווייסט דאך ווער ער איז - ער קען זיך דען נישט?!... מען דארף נאר מיט אים רעדן עפעס אזעלכע מיני אהבות, מיט א מין 'אהבה מסותרת', אז ער זאל פילן עפעס אין רבי נתן'ס רייד אזא מין אהבה; און ער האט אים מקרב געווען.

געוועגטליך (- כמובן), מיר קענען נישט רעדן מיט אים, איך קען נישט הערן זיינע רייד, ווייל אז איך זאל הערן זיינע רייד - זאגט דער רבי[נח] - 'די דיבורים זענען מוליד, 'אוירים ארסיים של ניאוף', עס איז גיפטיגע אוירים, איך טאר נישט הערן זיינע רייד.

אבער דער וואס קען יא הערן, פאר אים איז א חיוב. דער רבי זאגט[נט], "בֹּא אֶל פַּרְעֹה" - נאר דו קענסט אריינגיין אין 'חלל הפנוי'; אַן אנדערער - נישט. אַן אנדערער אז ער וועט אריינגיין וועט ער דערטרונקען ווערן.

זעהען מיר ארויס, אין די ספרים פון רבי'ן און פון רבי נתן'ען ליגט דערין אזא מין כח, עס האט אזא מין כח.

## 'ואנכי אפדם'

דערפאר טאקע לאזט נישט דער בעל-דבר לערנען דעם ספר; אז מען לערנט "ליקוטי מוהר"ן" טרייבט מען ארויס פון ערטער... מען מוז פארלאזן פלעצער...

דער רבי איז אזוי נעלם, אזא מין העלמה איז, אז עס זאלן זיך געפינען מענטשן זיצן באהאלטן, מען טשעפעט נישט, מיט דרך-ארץ, שטילערהייט, קיינער זאל נישט וויסן, אָן קיין רעש, אין א שטוב, אין א קעלער - -

---

[נח] ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ג.

[נט] ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ד אות ו'.

עס איז א מכתב דא[ס]; איין פורים איז רבי נתן געווען אין טשעהרין, און פרשת פרה איז ער געווען אין קאניבלאד - דאס איז א שטעטל לעבן שפאלע. רבי נתן האט געוואלט דעמאלט פארן קיין אומאן. אזוי ווינטער פארט מען מיט א שליטן, אָן רעדער, אבער פורים צייט ווען די שניי צוגייט זיך, קען מען נישט פארן מיט קיין שליטן, קען מען גארנישט פארן, עס איז אליץ דארטן פארוואסערט. האט ער געמוזט דארט פארבלייבן אויף שבת אין קאניבלאד אויף פרשת פרה.

שרייבט ער אין דעם מכתב דעם פורים וואס זיי האבן געהאט - וואספארא פורים עס איז געווען דארטן, און (לעומת זה) דעם שבת וואס זיי האבן געהאט אין קאניבלאד - אז ער האט נישט געקענט דאווענען אין בית מדרש (פון די חסידים), ער האט דאך געוואלט הערן די קריאה (- פרשת פרה), ער דארף כאטש הערן די קריאה, האט מען אים געהייסן דאווענען אין בית הכנסת - אזוי באשרייבט ער דעם פורים און דעם שבת.

דא טוהט זיך אפ אזא מין פורים, א התגלות אלקות, צדיקים, אידן פון יענע צייטן, רבי נתן האט געהאט אזעלכע תלמידים א געוואלד. און דא איז אזוי א העלמה, אזוי נעלם מיט אלצדינג.

אזוי איז דעם רבי'נס זאך; "וזה בחינת ההעלמה" - אין דער תורה פון "בראשית"[סא].

רבי נתן האט גערעדט אמאל דער תורה: "העלמה, העלמה, העלמה, אט דאָס איז 'העלמה', דאס איז דאך א געוואלדיגע העלמה!". האט ער אנגעהויבן זאגן: "דער אויבערשטער איז דאס חיות פון אלע וועלטן, און דער אויבערשטער איז נ-ע-ל-ם; דער רבי, דער צדיק, איז דאס חיות פון אלע וועלטן, ער איז דער 'יסוד העולם', און דער צדיק איז נ-ע-ל-ם!".

ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען אליץ וואס דאס איז די 'העלמה' - די העלמה "שנתעלם היופי והפאר של כל העולם".

---

[ס] עלים לתרופה במכתב מיום ג' תזריע ת"ר.

[סא] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז.

**דער רבי האט געזאגט[סב]: "ואנכי אפדם". זענען דאך אלע מקבל חיות פון אים, ער איז דאך אזא מין רחמן, ער איז אלעמען מחיה, דער איז דאך אלעמען מחיה.**

**דער מדרש זאגט דאך[סג], אין דעם טאג וואס עס איז געווען דער עגל האט דער אויבערשטער אויך געגעבן די מן, עס איז גענאנגען מן, "וּמַנְךָ לֹא מָנַעְתָּ מִפִּיהֶם"[סד] - א לשון פון פרייטאג פארנאכטס - "דיין מן האסטו נישט פארמיטן פון זיי".**

**דער אויבערשטער איז אזא מין ארך אפיים, אזא בעל רחמים, דא טוהט מען אזוי, און דער אויבערשטער** (אינו מונע חסדו מעמהם)**. אזוי אויך דער אמת'ער צדיק, ער איז אזא מין סארט ארך אפיים, אזא מין סארט רחמן, אז דא טוהט מען אזוי,** (והוא - כנ"ל)**.**

**יונגעלייט זיצן און לערנען ליקוטי מוהר"ן, תושבים דארטן, דארף מען זיי אוועקשיקן?! ממש א בזיון הצדיק, א בזיון התורה! פון דעם אליין דארף מען נתעורר ווערן - זעהן ווי דעם רבי'נס זאך איז גרויס, ווארום די יונגעלייט וואס לערנען טאקע ליקוטי מוהר"ן זענען טאקע אנדערע יונגעלייט, זיי האבן אין זיך אַן אנדער 'טוב', אַן אנדער בענקאכטס צום אויבערשטן.**

**מיר רעדן נישט חלילה ווייל מיר ווילן מלשין זיין אויף אידן, נאר מיר רעדן דערפון וועגן דער כח פון דעם צדיק; ער איז דער 'יסוד העולם', ער איז דאס גאנצער חיות פון די וועלטן - און ער איז אזא רחמן, יעדן איינעם איז ער 'דן לכף זכות' - אפילו די 'חולקים עליו' איז ער אויך 'דן לכף זכות'[סה].**

---

[סב] חיי מוהר"ן אות שצ"ו: בְּאוּמָּין דִּבֵּר מֵעִנְיַן הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁעָלָיו, שֶׁדּוֹבְרִין עָלָיו כְּזָבִים. עָנָה וְאָמַר בְּדֶרֶךְ קוּבְלָנָא, **וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם** הַיְנוּ הַפָּסוּק הַנֶּאֱמָר בְּהוֹשֵׁעַ ז' שֶׁקּוֹבֵל הַנָּבִיא עַל יִשְׂרָאֵל שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת לָהֶם טוֹבוֹת, וְהֵם דּוֹבְרִים עָלָיו כְּזָבִים, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר **וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם וְהֵמָּה דִּבְּרוּ עָלַי כְּזָבִים**. אֲבָל הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הִזְכִּיר אָז כִּי אִם שְׁתֵּי תֵּבוֹת אֵלּוּ **וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם**. וַאֲמָרָן בִּנְעִימָה בַּנִּגּוּן הַשַּׁיָּךְ לְאוֹתוֹ הַפָּסוּק כַּמּוּבָן לַבָּקִי בַּמִּקְרָא וּפֵרוּשׁוֹ.

[סג] שמות רבה מא, א; במדבר רבה כ, יט.

[סד] נחמיה ט, כ.

[סה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו' בסופו: צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, **וַאֲפִלּוּ הַחוֹלְקִים עָלָיו וּמְבַזִּין אוֹתוֹ, צָרִיךְ לְדוּנָם לְכַף זְכוּת**; גם עיין שיחות הר"ן צ"ו: **הַצַּדִּיק מַטֶּה כְּלַפֵּי חֶסֶד וְדָן אֶת כָּל הַחוֹלְקִים עָלָיו לְכַף זְכוּת שֶׁכַּוָּנָתָם לְשֵׁם שָׁמַיִם**; עיין גם ליקו"מ סי' קל"ו.

אזא לימוד זכות וואס דער רבי האט געזאגט[סו]: "זיי מאלן זיך אוים א מענטשן און זיי קריגן אויף אים. אויף מיר קריגן זיי דאך נישט, נאר אויף דעם מענטשן וואס האט אין זיך די עוולות - אויף דעם דארף מען טאקע קריגן; איי איך האב נישט? קריגן זיי דאך אויף מיר נישט!" - אזא מין לימוד זכות אפצוזוכן אין דער וועלט...

זיי זענען דאך ערליכע אידן, זיי מאלן זיך אזא מענטשן וואס ער האט אויף זיך די עוולה - אויף דעם מענטשן קריגן זיי; איך בין דאך אבער נישט דער מענטש. דער אמת'ער צדיק זוכט נאר דַן צו זיין 'לכף זכות' די וועלט - דאס הייסט א 'רחמן'[סז].

## 'פארוואס האט מען דאס נישט געדרוקט?!'

אין "נועם אלימלך" ברענגט דארטן רבי אלעזר (בנו) אין דער הקדמה[סח]: "די וועלט זאגט אז דער פאטער האט געהאט מסירות נפש אלע טאג צו בעטן פארן כלל ישראל!" - אזוי זאגט ער אויפן רבי'ן ר' אלימלך - 'ער האט געהאט מסירות נפש אלע טאג'.

עפעס איינמאל האט מען אפגעדרוקט דעם "נועם אלימלך" און מען האט נישט געדרוקט דער הקדמה. האט דער ראדאמסקער - דער "תפארת שלמה" - געזאגט: **"געוואלד, פארוואס האט מען די הקדמה נישט געדרוקט? אז ער שרייבט אז דער טאטע האט געהאט מסירות נפש אלע טאג פאר אידן, פארוואס האט מען דער הקדמה נישט אפגעדרוקט?!"**[סט].

דאס איז דאך דער עיקר, זעהן ווי א איד האט געהאט מסירות נפש אלע טאג פארן כלל ישראל - אזא צדיק! - א קלייניקייט דער רבי ר' אלימלך?! דאס גרויסקייט פון

---

[סו] שיחות הר"ן אות קפ"ב.

[סז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ח הנ"ל, ובסי' ז' תניינא מה שביאר רביז"ל עה"פ "כי מרחמם ינהגם", שרק ע"י רחמנות יכולין לנהוג את העולם.

[סח] וזל"ש: **כבוד אבי מורי הורגלו** להיות מברך ישראל **ולמסור נפשו עליהם בכל עת** ולבטל מהם גזירות רעות **בתפלתו הנאמנה במסירת נפשו.**

[סט] מובא באהל אלימלך אות ל"ו בשם ספר שער הגלגולים החדש שנדפס ע"י בנו של בעל התפארת שלמה מראדאמסק זצ"ל; גם עיין שם (אהל אלימלך) אות רנ"ד; מובא גם ב'עשר צחצחות' - מערכת א' (הרה"ק מליזענסק) - אות מ"ד.

**דעם צדיק - אלע טאג געהאט מסירות נפש צו בעטן פאר דעם כלל ישראל, דאס איז דאך דער עיקר, די אהבה וואס א צדיק האט צו אידן.**

**די גמרא זאגט[ע], אז שמאי איז געווען דער נשיא איין טאג, איז געווען** (היה קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל)**. שמאי איז געווען א קפדן, א מידת הדין, קען די וועלט חרוב ווערן. אבער אז הלל הזקן איז געווארן** (נשיא)**, איז געווארן רחמים, איז געווארן רחמנות אויף דער גאנצער וועלט. ווען דער צדיק איז דן לכף זכות גייט אריין א שפע פון רחמים אין דער וועלט, ער האט רחמנות, עס ווערט דערוועקט למעלה א געוואלדיגע רחמנות, דער אויבערשטער האט דאס ליב.**

**עס שטייט דאך אין "ספר המידות"[עא]: טאמער רעדט איינער, וויל דער אויבערשטער מען זאל שוין איבערשלאגן די רייד, מען זאל שוין דן זיין לכף זכות.**

**מיר זענען אין אזא מין זמן וואס די וועלט האט נאר א קיום פון דעם לימוד זכות וואס די צדיקים זענען 'מלמד זכות' אויף אונז[עב].**

**דער רבי ברענגט אין "ספר המידות"[עג]: "יש להקל אופן התשובה על החוטאים". מען זאל זעהן צו מיקל זיין דעם אופן התשובה אויף די חוטאים, נישט מאכן קיין שווערע תשובות אויף זיי.**

**די גרינגסטע תשובה איז דאך 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים', וואספארא שווערע זאך, איז דאס?! אז מען קען נישט גיין אינדרויסן, קען מען זיצן אין א ווינקעלע, עס איז די גרינגסטע זאך, מען רעדט זיך אויס פאר השי"ת - זיך אויסוויינען פארן אויבערשטן.**

---

[ע] שבת דף י"ז ע"א.

[עא] ערך המתקת הדין, אות ע"ב: כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין שֶׁאֶחָד מְקַטְרֵג עַל יִשְׂרָאֵל צְרִיכִין הַשּׁוֹמְעִין לְלַמֵּד בְּפִיהֶם זְכוּת עַל יִשְׂרָאֵל וּצְרִיכִין לִטְרֹחַ כְּדֵי לִמְצֹא זְכוּת.

[עב] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ה' שמיני תקצ"ט: כִּי עֲדַיִן עוֹמֵד וּמִתְפַּלֵּל עָלֵינוּ עִם כָּל הַצַּדִּיקִים שׁוֹכְנֵי עָפָר, **אֲשֶׁר לוּלֵא זֹאת לֹא הָיוּ לָנוּ שׁוּם קִיּוּם כְּלָל**, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ **אִלְמָלֵא תְּפִלּוֹת הַצַּדִּיקִים שֶׁמֵּתוּ עַל הַחַיִּים לֹא אִתְקַיֵּם עָלְמָא כְּרֶגַע**; גם עיין ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ו אות י"ז: וְכֵן עַכְשָׁו **לוּלֵא כֹּחַ הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁמְּלַמְּדִים עָלֵינוּ זְכוּת וּמְחַזְּקִים אוֹתָנוּ** עַל פִּי הַדְּרָכִים הַקְּדוֹשִׁים הַנַּ"ל, **לֹא הָיָה כֹּחַ לִסְבֹּל מְרִירוּת הַגָּלוּת בִּכְלָלִיּוּת**, וּבִפְרָט הַגָּלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד.

[עג] ערך 'תשובה' אות י"ט.

"יש להקל אופן התשובה על החוטאים". מען דארף זעהן זוכן עצות מיקל צו זיין, מאכן גרינגער.

אז איינער גנב'עט א באלקאן און ער בויעט אויס דערפון א בירה, הייסט מען אים נישט צענעמען דער בירה; וואס איז? "משום תקנת השבים"[עד], ער וועט דאך נישט וועלן טוהן קיין תשובה. אז יענער זאגט 'איך וויל דעם באלקאן', זאג איך אים, "ניין, נעם געלט פארן באלקאן". פארוואס? קען זיין אינ'אמת'ן וואלט ער יא געדארפט נעמען דעם באלקאן - יענער זאל אפגעבן דעם באלקאן, דו ביסט דאך א גנב, נאר ער וועט דאך נישט טוהן קיין תשובה, זאגט מען אים, 'גיב אפ די געלט'. זעהען מיר אז חז"ל האבן אויך געמאכט אז משום 'תקנת השבים' איז מען מקיל[עה].

(אחד הנוכחים: דער טשערינער רב אין די מראה-מקומות ברענגט טאקע אראפ די גמרא) **יא יא.**

מיר האבן ברוך ה' א רבי'ן א רחמן, וואס דער ספר איז מיט רחמנות, און דער תלמיד איז פול מיט רחמנות, די תפילות, די מכתבים (וכו'). מיר דארפן זיך אויך מדבק זיין אין דעם וועג, נאר גיין מיט רחמנות, סיי מיט חברים, סיי מיט זיך אליין[עו].

אין גמרא איז דא[עז], ריש לקיש איז געפארן מיט רבי אבהו'ן צוזאמען, זענען זיי געקומען אין עפעס אַן ארט, האט רבי אבהו זיך אנגערופן עפעס א 'גנאי' אויף דעם ארט - "זינדיגערס". איז געגאנגען ריש לקיש און ער האט אים אנגעשטאפט א מויל מיט זאמד - "פארוואס טוהסטו דאס? 'לא ניחא למרייהו' אז דו זאלסט רעדן אזעלכע רייד!" - דעם אויבערשטן איז דאס נישט ניחא.

א קלייניקייט?! - "ר' אבהו"!

---

[עד] גיטין דף נ"ה ע"א.

[עה] עיין עוד ליקוטי הלכות הל' גזילה ה"ג.

[עו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רפ"ב מה שביאר רביז"ל עה"פ 'אזמרה לאלקי בעודי'; גם עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ד אות ט"ז מה שמבאר מוהרנ"ת עה"פ 'אך את דמכם לנפשכם' וכו' עיי"ש.

[עז] עיין שיר השירים רבה א, ל"ח: רַבִּי אַבָּהוּ וְרֵישׁ לָקִישׁ הֲווֹ עָלְלִין לַחֲדָא מְדִינְתָּא דְּקֵיסָרִין, אֲמַר לֵיהּ רַבִּי אַבָּהוּ לְרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ, מַהוּ כֵּן עָלֵינַן לִמְדִינְתָּא דְּחֵירוּפְיָא וְגִידוּפְיָא, נָחַת לֵיהּ רֵישׁ לָקִישׁ מִן חֲמָרֵיהּ וּסְפָא חָלָא וִיהַב בְּפוּמֵיהּ, אֲמַר לֵיהּ מַהוּ כֵן, אֲמַר לוֹ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רוֹצֶה בְּמִי שֶׁאוֹמֵר דֵּילָטוֹרְיָא עַל יִשְׂרָאֵל. גם עיין עוד בגמ' סנהדרין דף קי"א.

- 'דער אויבערשטער וויל נישט דו זאלסט רעדן אזעלכע רייד'.

וואס א צדיק רעדט האט דאך א כח למעלה, עס מאכט א רושם למעלה, וויל ער נישט (שיקטרג).

## קיינמאל פאר זיי קיין תורה נישט געזאגט

מיר ווייסן, דער רבי איז אריין קיין אומאן. פריער איז געווען, דער בארדיטשובער רב איז געווען אמאל א שבת אין אומאן, ער האט געוואלט דארטן בלייבן. איז די מחקרים דארטן, די דריי מחקרים, אָן זיי האט מען גארנישט געקענט טוהן, זיי זענען געווען די בעלי-בתים פון שטאט. זענען זיי אריינגעגאנגען צום בארדיטשוב'ן רב (לתהות על קנקנו) - א קלייניקייט?! - "דער בארדיטשובער רב"! האט ער אויסגעדרייט דאס פנים, ער האט נישט געוואלט קוקן אויף זיי - "אסור להסתכל" (באדם רשע)![עח].

דער בעל שם הקדוש איז געווען א שבת אין אומאן - נאך פאר דער רבי איז געבוירן געווארן. דער בעל שם הקדוש איז נסתלק געווארן תק"כ, און דער רבי איז געבוירן געווארן תקל"ב. אסאך צדיקים זענען געווען דארטן, דער שפיטיווקער רב איז געווען.

ווען דער רבי איז ארויס פון זלאטיפאליע קיין ברסלב, איז אויפן וועג קיין ברסלב מוז מען דורכפארן אומאן - אזוי איז דער וועג. איז דער רבי געווען א שבת אין אומאן און ער איז איינגעשטאנען ביי ר' אברהם חיים'ען - פון דעם רבי'נס מענטשן.

אז עס איז געקומען עפעס א מפורסם, דארפן שוין די מחקרים זעהן ווער דאס איז, דערטאַפּן ווער ער איז. זיי זענען געווען צוויי איידעמער מיט א שווער[עט]. דער שווער האט געהייסן "חייקל". זאגט חייקל, "איך וועל גיין זעהן ווער ער איז, און אז איך וועל זעהן אז ער איז עפעס - נאכדעם וועט איר גיין".

**איז ער אריינגעקומען און ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן. זאגט אים דער רבי: "וואס וויל א איד? ווענן וואס זענט איר געקומען?" - "איך האב געהערט אז עס איז דא**

---

[עח] גמ' מגילה כ"ח ע"א.

[עט] משה לאנדא והירש בער היו חתני נחמן נתן ראפאפארט שהיה חתן חייקל הורביץ (שיש"ק).

א גרויסער מאן אין שטאט - בין איך געקומען מיט אים זיך זעהן!" - אזוי ענטפערט אים דער חייקל.

דעם שבת איז עפעס א גענעראל א גרויסער אויך אנגעקומען קיין אומאן און ער איז געווען אנטקעגן איבער. זאגט אים דער רבי: "דארטן איז אויך געקומען א גרויסער מאן - פארוואס גייסטו אים נישט זעהן?" - דער רבי האט אים געגעבן - אזוי ווי אפגעפאטשט.

איז ער אוועקגעגאנגען און געזאגט צו די איידעמער: "איך האב גערעדט מיט אים אווארט, כאטש ער האט מיר געענטפערט 'נישט אזוי' - - אבער איך זעה אז ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן, מען קען צוגיין צו אים!". זענען זיי געקומען צום רבי'ן.

דער רבי האט געהאלטן דעמאלט אינמיטן זאגן א מאמר, דער רבי האט גערעדט דארטן דיבורים פון תורה. אז זיי האבן געגעבן א קום אריין צום רבי'ן, גלייך האט דער רבי איבערגעהאקט, דער רבי האט אויפגעהערט צו זאגן און ער איז אריין אין עפעס א שווערן חשבון. האבן די חברה געזעהן אז דעם חשבון מיינט ער נישט זיי (- אנשי רבינו) - "א שווערער חשבון - דאס מיינט ער אונז!".

זיי האבן דאך עזות אין זיך, זענען זיי צוגעגאנגען צום רבי'ן: "נו - זאגט איר דעם חשבון". האט דער רבי זיי געזאגט. זענען זיי שוין געווארן צוגעצויגן צום רבי'ן, און זיי האבן שוין געבעטן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל בלייבן אין אומאן. האט דער רבי געזאגט: "ניין, איצטער פאר איך אוועק קיין ברסלב". שפעטער מיט אכט יאר - דער רבי איז געווען אכט יאר אין ברסלב - איז דער רבי ארויס קיין אומאן.

די מחקרים האבן געהאט א שייכות צום רבי'ן, זיי זענען אריינגעקומען צום רבי'ן, און דער רבי האט פאר זיי קיינמאל קיין תורה נישט געזאגט.

דער רבי האט א זאג געגעבן אמאל צו רבי נתן'ען: "דערציייל זיי אמאל א מעשה פון בעל שם". איז רבי נתן'ען געווען קשה פארוואס דער רבי הייסט אים זיי דערציילן א מעשה פון בעל שם - מיט וועמען זאל ער רעדן?! (- וכי יש להם אמונה?) האט זיך

אנגערופן דער רבי: "וואס מיינסטו מיין איך? איך מיין 'סַפְּרוּ בַגּוֹיִם כְּבוֹדוֹ'!" - אזוי ווייט זענען זיי געווען (- שרבינו קרא להם "גויים").

דער רבי איז געווען אין אומאן דעם זומער - ראש השנה האבן זיי שוין געדאוונט אין דעם רבי'נס מנין אין בית מדרש. איז געקומען צוגיין די דינסט דארטן זיי זאלן קומען גיין טרינקען טיי. האבן זיי געענטפערט: "פאר די תקיעות וועלן מיר נישט טרינקען קיין טיי!" זיי האבן שוין געהאלטן ביים האבן אזא מין סארט - - פאר די תקיעות וועלן מיר נישט טרינקען קיין טיי.

ביי דער לעצטער תורה - "תקעו תוכחה"[פ] - איז דער הירש בער געשטאנען לעבן רבי'ן, פאר אים האט מען געהאט דרך ארץ, אים האט מען נישט געשטופט. רבי נתן האט מען געשטופט, אבער ער האט געזעהן נאר אז די אויערן זאלן הערן וואס דער רבי זאגט[פא]. האט רבי נתן אים אסאך איבערגעפרעגט, ער איז געווען א 'תפסן' א גרויסער.

אז דער רבי איז נסתלק געווארן, האט זיך אנגערופן דער הירש בער צו רבי נתן'ען: "אייך פעלט דער רבי? אונז פעלט דער רבי; ווען דער רבי לעבט - וואלטן מיר געווארן אנשים כשרים!"[פב].

דער הירש בער האט געזאגט: "איך האב שוין לאנג געשוואוירן איך זאל נישט דערמאנען דעם אויבערשטנס נאמען" - רחמנא ליצלן - "אבער אז איך גיי אריין צום רבי'ן - רייסט מיר ביי די פּאָלעם - 'הירש בער - ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט'!".

---

[פ] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח'.

[פא] עיין עוד חיי מוהר"ן אות רי"ט; ימי מוהרנ"ת אות נ"ג.

[פב] עיין חיי מוהר"ן אות תרי"ד: וַאֲפִלּוּ הָרְשָׁעִים שֶׁבִּקְהִלַּת קֹדֶשׁ אוּמַן כֻּלָּם הָיוּ כְּרוּכִים אַחֲרָיו וְנִתְעוֹרְרוּ קְצָת עַד שֶׁהָיוּ לָהֶם כַּמָּה וְכַמָּה הִרְהוּרֵי תְשׁוּבָה, מַה שֶּׁלֹּא עָלָה עַל לִבָּם מֵעוֹלָם. כַּאֲשֶׁר סִפְּרוּ בְּפִיהֶם בְּפֵרוּשׁ, **שֶׁכְּבָר הִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָן, וְהָיוּ כִּמְשֻׁבָּעִים וְעוֹמְדִים שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה לָהֶם שׁוּם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה**, וְהָיוּ רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מִשּׁוּם צַד הִרְהוּר תְּשׁוּבָה כַּמְפֻרְסָם לְכָל מִי שֶׁהָיָה מַכִּיר אוֹתָם. וְעַל יְדֵי דִבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים הִגִּיעַ אֲלֵיהֶם גַּם כֵּן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, **אַף עַל פִּי שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא דִּבֵּר עִמָּהֶם מֵעִנְיְנֵי תְּשׁוּבָה וּמֵעִנְיְנֵי קְדֻשָּׁה, כְּלָל כְּלָל לֹא, רַק אַדְּרַבָּא תָּמִיד הָיָה מְדַבֵּר עִמָּהֶם שִׂיחַת חֻלִּין וְסִפּוּרִים בְּעָלְמָא**, אַף עַל פִּי כֵן נִמְשְׁכוּ אַחֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה מִדִּבּוּרִים שֶׁלּוֹ לְבַד, עַד שֶׁהָיוּ סְמוּכִים מְאֹד לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. **וְאִם לֹא הָיְתָה נִטְרְפָה הַשָּׁעָה שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג מְאֹד וְנִסְתַּלֵּק בְּאֶמְצַע, בְּוַדַּאי הָיוּ שָׁבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ** וְכוּ' וְכוּ'.

און וואס האט דער רבי גערעדט מיט זיי? דער רבי האט נישט גערעדט מיט זיי קיין שום - - (תורה צו תוכחה), נאר מיט עפעס א מין 'אהבה'. דער רבי האט זיי אריינגעגעבן אַן 'אהבה' אז דער אויבערשטער וויל אייך נאך, דער אויבערשטער וויל דיך נאך.

עס איז דא אַן ענין פון "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן"[פג]. אבער עס איז דא אזעלכע וואס ווייזן ארוים עפעס א 'חודו של מחט', 'עפעס', קען מען שוין מיט זיי רעדן; מסתמא האבן זיי געוויזן 'עפעס'.

דער רבי האט געזאגט רבי נתן'ען: ווען ער וועט זיין אין אומאן זאל ער רעדן מיט הערש בער'ן; רבי נפתלי - נישט. ר' נפתלי'ן האט דער רבי געהייסן: נישט רעדן מיט הערש בער'ן, נאר מיט דעם אנדערן - דעם שוואגער - לאנדא - ער איז געווען א דאקטער.

ער (- הירש בער) האט מיט רבי נתן'ען גערעדט אזעלכע דיבורים, און רבי נתן האט געמוזט פאלגן דעם רבי'ן. אמאל האט רבי נתן א זאג געגעבן: "געוואלד, וואס האט דער רבי געוואלט פון מיר?!" ער האט "געמוזט" רעדן מיט אים, און עס איז דאך געווען 'חקירות' - 'חקירות' איז נישט קיין קלייניקייט - "חקירות"!

(אחד הנוכחים: רבי נתן האט אים געזאגט: "ואראה את ה'!") **יא יא**[פד].

## געווארפן א פלאש אויף דער מיטה

הכלל, מיר דארפן דאך רעדן פון איצטער; ברוך ה', מיר דארפן זייער דאנקען אסאך דעם אויבערשטן אז מען איז אריינגעפאלן אין דעם הייליגן גורל פון א רבי'ן א רחמן, און מיט די ספרים וואס איז פול מיט רחמנות, און די עצות איז מיט רחמנות; אזוי

---

[פג] משלי ב, יט. עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ד אות ב'.

[פד] מובא בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל"ב: פַּעַם אַחַת עָמַד לְפָנָיו צְבִי דֹּב מֵאוּמֶין, וְהִתְחִיל לְדַבֵּר עִמּוֹ בַּחֲקִירַת הָאֱלֹהוּת וְנִתְלַהֵב מְאֹד בְּרִשְׁפֵּי שַׁלְהֶבֶת וְעָנָה וְאָמַר לוֹ, מָה אַתָּה מְדַבֵּר עִמִּי מֵהַשֵּׁם אֲנִי אוֹמֵר לְךָ "וָאֶרְאֶה אֶת ה'", וּבִלְשׁוֹנוֹ אָמַר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, "**וָואס שְׁמוּעֶסְט דוּ מִיט מִיר פוּן גָּאט, אִיךְ זָאג דִּיר "וָאֶרְאֶה אֶת ה'"** (אָמַר הַמַּעְתִּיק, שָׁמַעְתִּי שֶׁדִּבֵּר פַּעַם אַחַת אֵיזֶה אִישׁ עִמּוֹ גַּם כֵּן מֵחֲקִירַת אֱלֹקוּת וְאָמַר לוֹ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, 'אִיךְ הָאבּ הִירְשׁ בֶּערְ'ן גִּיזָאגְט וָאֶרְאֶה אֶת ה', אוּן עֶר הָאט מִיר גִּיגְלוֹיבְּט' [לְהִירְשׁ בֶּער אָמַרְתִּי "וָאֶרְאֶה אֶת ה'" וְהוּא הֶאֱמִין לִי]).

דארפן מיר אויך גיין אין דעם וועג - מיט רחמנות; אינדרויסן טוהט זיך וואס טוהט זיך; דא רעדט מען אזעלכע דיבורים - און אינדרויסן ווארפט מען און מען ווארפט... מען דארף זיי אויך דן זיין לכף זכות.

דער טשעהרינער איז נפטר געווארן תרנ"ד. איך בין מקורב געווארן תרע"ד. האב איך נאך געקענט אסאך מענטשן וואס האבן אים געקענט. עס איז געווען צוואנציג יאר פון זיין פטירה. איך בין געווען אין טשעהרין עטליכע מאל, און מיר האבן נאך אביסל פארכאפט די מענטשן וואס האבן אים נאך געקענט גוט.

איז געווען אמאל אז דער טשעהרינער רב איז געווען אין אומאן, און ער איז געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון, ער פלעגט גיין מיט א 'בגד משי', נישט קיין וואהל, און נאך איינער איז מיטגעגאנגען מיט אים.

איז געווען איינער דארט אַן עזות פנים, האט יענער גענומען דארטן א האנט מיט צואה און עס געווארפן אין דער פלייצע - עס איז געפאלן אויף דעם בגד פון דעם טשעהרינער רב, און עס האט זיך צוגעקלעפט אין דעם בגד.

יענער וואס האט אים באגלייט, האט זיך גענומען שרייען דארטן - "שייגעץ!" - - זאגט אים יענער ( - דער עזות פנים): "דו רעדסט נאך? ער שווייגט כאטש - דו רעדסט נאך אויך?!".

הכלל, מען האט געוואשן דארטן דעם בגד מען זאל קענען זאגן א אידיש ווארט, און מען איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון.

מיר האט איינער דערציילט. רבי נפתלי איז נפטר געווארן תר"כ. איך האב נאך געקענט מענטשן וואס האבן געקענט רבי נתן'ען. איז ווען עס איז געווען די לויה פון רבי נפתלי'ן ביי דער גרויסער שול, אנטקעגן - אויבן אויפן דאך איז געווען דער קלויז (של המתנגדים), האט מען געווארפן דארט א פלאש פון דאך, און דער פלאש איז געפאלן אויף דער מיטה...[פה]

(חסר הסוף)

[פה] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות תת"ט: בְּהַלְוָיָתוֹ שֶׁל רַבִּי נַפְתָּלִי, בְּעֵת שֶׁעָבְרוּ דֶּרֶךְ בֵּית הַכְּנֶסֶת הַגָּדוֹל שֶׁבְּאוּמַאן, שֶׁעָמַד מוּל בֵּית הַכְּנֶסֶת שֶׁל הַמִּתְנַגְּדִים, נִזְרַק בַּקְבּוּק מִבֵּית הַכְּנֶסֶת שֶׁל הַמִּתְנַגְּדִים עַל מִטָּתוֹ.

היות שההוצאות המכון ממשיכים בכל פעם לעלות

# אנא!

עמדו לעזרינו להשתתף בההוצאות
כדי שנוכל להמשיך הלאה לזכות את הרבים

ברכת מזל טוב

## הרה"ג ר' אפרים גראס שליט"א

לאנדאן
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה
בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים